# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג נו.7 — העפט 102 — יולי 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

1 די יידישע קולטור צוזאמענפאָרן ........................ **
4 א בריוו פון פראגט (הרי נפתלי, הרי כנען) ...... א יידישער אפיציר
7 ירושלים הבנויה (לידער) .................... א. נ. שטענצל
העלדישע יידן פון די קאווקאזער בערג דערציילט פון די קאווקאזער בערג דערציילט — העלדישע יידן פון די קאווקאזער בערג דערצבערן וואסער
11 פאר די דורשטיקע יידן אין ירושלים .. פיער וואן נעלדערן
14 נאָטם באנגליייטער פון דער אלט־שטאט ירושלים (ליד) .. משה עובד
15 „אלט־ניילאנד" (44 יארצייט פון ד"ר הערצל) .... יוסף פרענקל
19 דאָס פיאָנערן ליד (דעקלאמאציע) ................. ס. פאלמע
21 וועלט פון בלוט איז שכור (ליד) ................ יצחק ווינער
22 „געבעך געמפר'ט" (אן אמתע מעשה) .... יחזקאל נח עדליבמאן
30 ראַז בלו און וואס (ליד) .......................... יוסף הערמאן
31 אלדד און מדד זאָגן נביאות אין לאגער (המשך) .... לעא קעניג
34 טלטע פרויען קויפן בלומען (ליד) ............ רחל ה. קארן
34 רחל קארן, יאנקל אדלער ................................ ש
37 דער וועג פון א יידישן קינסטלער (עסיי) ............ ס. טייף
41 פון מיין ביכער טיש ................ ד"ר יעקב י. מייטליס
44 ניי יידישע ליטעראטור, מרדכי שטרינגלער (רעצענזיע) .. א. מ. פוקס
49 דאָס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע (עסיי) .. אדאלף רודניצקי
55 רעבעט און קרעדיט (פעליעטאן) ........... אליהו פאלושאק
58 די לאנדאנער דעלעגאטן צום קולטור קאנפערענץ אין פאריז ........
59 ארום דעם קולטור קאנגרעס ................... מאיר בראון
63 אייראפעאישע קולטור קאנפערענץ ..............................
64 מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס ......

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנעמענטס־פרייז :—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד :—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראָבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

פראפאגאנדע-קאמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אלדגייט, א.1.
יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע

**רעפעראטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטערארישע און אלגעמיינע ענינים
וועגן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראל־סעקרעטאר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 27 יוני 1948 8 אוונט
אין לאקאל פון
**„בן-אורי" קונסט גאלעריע**
14 פארטמען סטריט וו.1.
**ווייסענבערג און נאמבערג**
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא־
ציעס און דעקלאמאציעס:
שוישפילער יידל גאלדבערג, איזיק
גאלדבערג, נעט רובין, משה עובד און
ש. אויערבאך, י. א. ליסקי, י. ביעטש
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צו אונזערע לייענער און אבאנענטן

מיר האָפן, אַז אונזערע לייענער און אַבאָנענטן וועלן פארשטיין די פאַר־טייערונג פון אונזער זשורנאַל אויף נאָך — 6 פענים.

עס איז אונז זער שווער געווען דער אנטשלוס צו העכערן דעם פּרייז, אַבער עס איז אונז ליבער — און מיר גלויבן אַז אונזערע בכבודיקע לייענער און אַבאָנענטן וועט אויך זיין ליבער — צו צאָלן מיט 6 פענים מער, איידער צו האָבן אַ פארקלענערונג פון דעם זשורנאַל מיט 16 זייטן.

איצט, ווען יעדע פּרוטה פונם יידישן כלל מוז ניין פאַר וויכטיקערע נאַציאָנאַלע הצטרכות'ן, קענען מיר נישט קלאַפּן מיט דער קהל־פּושקע פאַר אונזער זשורנאַל, און מיר מוזן זיך משתדל זיין אים אויפצוהאַלטן מיט אייגענע כוחות, — מיר די רעדאַקציע, דער קאָמיטעט און די לייענער און אַבאָנענטן אינאיינעם!

די וויכטיקייט פון אונזער זשורנאַל פאַר דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד, אויך אין אַנדערע תפוצות ישראל, האָבן באַוויזן די באַגריסונגען צום הונ־דערטסטן נומער. שוין זיין עקזיסטענץ 9 יאָר אין די שווערסטע באַדינגונגען, באַווייזט אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער גייסטיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אַבאָנענטן, אַז אונזער זשורנאַל זאָל ווערן נאָך בעסער, רייכער אין אינהאַלט.

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן".

אויב מ'שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאַנבריוו, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער גענענגט אין געלט.

וואַרט נישט ביז מען וועט אייך צושיקן אַ מאַנבריוו. שיקט איין דעם אַבאָנענטן אָפּצאָל צו אונדזער ערן־סעקרעטאַר:

E. Paluszak,
64 Lauriston Road,
Hackney, E.9.

איבער מאַנגל אין פּלאַץ, וועלן די נאָך אָנגעקומענע וואונטשן צום 100־סטן נומער „לשון און לעבן" און אונזער ענטפער ערשט אָפּגעדרוקט ווערן אין קומענדיקן נומער.

**די אדמיניסטראַציע**

**ירושלים — אַ בוך איבער 100 זייטן פון — א. נ. שטענצל**

**פרייז: 7/6**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.7 | העפט 102 | יולי 1948 לאָנדאָן

## די יידישע קולטור צוזאַמענפאָרן

דער צוזאַמענגערופענער „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס" אין די קומענדיקע וואָכן אין ניו־יאָרק, און די „קולטור קאָנפערענץ פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע", וועלכע וועט זיך די טעג צוזאַמענקומען אין פּאַריז, זיינען סימפּטאָמען פון אונזער ווייטערן המשך און קיום פון אונזער שטאַרקן קולטור ווילן — פון אונזער עקשנותדיקן לעבנס־ווילן! זיי זיינען ביידע די כשרע און לעבעדיקע עדות, פון אונזער דור־דורותדיקן אויסדויער און מסירת נפשדיקן אָנשטרענגונג צו באַהיטן אונזער גייסטלעכע און גייס־טיקע ירושה, זי צו באַשיצן און זי צו פאַרגרעסערן, זי צו לייטערן און פאַר־מערן.

מיר שטייען יעצט נישט פאַר דער זעלבער געפאַר, פון אַמאָל אין אונ־זער יידישער געשיכטע, פון אַ געטיילטע אומה: ישראל און יהודה, — אויך דאָס קאָן ווערן חלילה ירושה און טראַדיציע! — און נישט מלוכה און נישט מלכות־הכהנים האָט אונז בנוגע דעם אַ סך געהאָלפן... אדרבא: וואָלטן מיר מיט דער קעניגלעכער שווערד און מיטן כהן־קרבן געגאַנגען אין גלות אַריין, וואָלט אונזער אייגענע שטאָלצע שווערד אונז אפשר געגעבן דעם לעצטן שטויס און אויפן הייליקן מזבח־פייער וואָלטן מיר אַליין געוואָרן דער בראַנד־אָפּפער — — —

עס זיינען געוואָרן אונזערע גרויסע נביאים אין ישראל און אין יהודה, — עמוס און ישעיה, אליהו און ירמיהו! וואָס האָבן אונז פאַראייניקט אין אַלע אונזערע גלותן מיט משיחישע גאולה — מיט וויזיע פון מענטש־דערליי־זונג.

מיר שטייען נישט פנים אל פנים, חלילה, איצט פאַר אַ געפאַר צו ווערן אַ געטיילט פאָלק — די שייטערהויפן פייערן האָבן אונז צוזאַמענגעשמאָלצן און ביינאַנדערגעשמידט אין איין גלות־ייד — די „איזראַעליטן" זיינען פאַמע־לעך פון אונז צעלאָפן און אַליין אָפּגעפאַלן! און דאָס פייער אין אונז וואָס איז אונז געבליבן אצינד נאָך די קרעמאַטאָריומס, וועט אַ ווייל מסתמא נאָך אָנהאַלטן...

אָבער ווי זאָגט דאָס גלייכווערטל: מען מוז שמידן דאָס אייזן ווי לאַנג עס גליט! וואָרים יעצט, ווערנדיק צוריק אַ מלכות ישראל, אויב מיר וועלן נישט זיך זאַמלען אַרום אונזער קולטור ירושה, אַרום דעם אייביק ברענענדיקן פייער פון אונזערע גייסטיקע און גייסטלעכע שאַפונגען, איצט אויב דער

התלהבות פלאַם פון אונזער שעפערישן וואָרט וועט אונז נישט פאַראייניקן און צוזאַמענשמידן! — שטייען מיר חלילה פאַר גרויסע סכנות.

און ווי לייכט קאָן קומען יעצט דער געפאַר פון צו ווערן אַ געטיילטע אומה, ביי אונזער שפּראַכן געטיילטקייטן, ביי אונזער דיאַספּאָרע צעשפּרייטקייט און בפרט ביי דער קינצלעך אויפגעשטעלטער „אייזערנער פאָרהאַנג" צווישן די „מערב בלאָקס" און די „מזרח בלאָקס".

מיר האָבן יעצט נישט קיין נביאים! און אפילו די בני הנביאים אונזערע זיינען אויסגעקוילעט, פאַרגאַזט, פאַרברענט. איז פאַר דער געגליווערטע מאַסן, וואָס מיר זיינען וואָס מיר זיינען איבערגעבליבן, איז זייער נייטיק דאָס אַלאַרמירן, דער גלאָקן־רוף, דאָס גאַלוואַניזירטע אויפטרייסלען — די פייערדיקע אויפרופן וואָס קומען סיי פונם „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס", סיי פונם „קולטור קאָנפערענץ פון די אייראָפּעאישע ישובים".

אדרבא, זאָלן מיר זיך צוזאַמענקומען! און אינם ברענענדיקן קאַמף, אין פלאַם פון אונזערע דיסקוסיעס, פון אונזערע התלהבותדיקע ווערטער אויסשמידן אַן איינִיקייט. זאָלן וואָרט־שאַפער, קולטור־טוער (נאָר נישט מיט טמאדיקע און פוילע ווערטער, נאָר מיט ריינע און טהרהדיקע מעשים.) אויסגליען צווישן זיך אַ שעפערישע ברידעריקע אחדות הבריאה.

זאָלן קודם יידישע פּאַרטיי־מענטשן און שרייבער פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און מדרגות זיך צוזאַמענטרעפנדיק געפינען די געהעריקע באַציאונגען צווישן זיך, דעם דרך ארץ איינער צום צווייטן — דרך ארץ קדמה לתורה!

* * *

מיט דעם גרויסן דרך ארץ פאַר אונזער גרויסער גייסטיקער און גייסטלעך הייליקע ירושה, פאַר אונזערע יידישע שאַפער און קולטור־טוער, האָבן מיר מקבל באהבה געווען די ביידע איינלאַדונגען, אי פונם אַלוועלטלעכן קולטור קאָנגרעס", אי פונם קולטור קאָנגרעס פון די אייראָפּעאישע ישובים".

און אויב מיר גרייטן זיך אויף דער פּאַריזער קאָנפערענץ און דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס,—טראָץ אונזער אַלטענלעכע ארבעט דאָ, וואָס וואָרט יעדן טאָג נעטון צו ווערן! — איז עס ווייל מיר זיינען זיכער אין דער ערליכקייט פון ביידע, און מיר האָפן, אין אַ פאַראייניקונג. וועלכע מוז אומבאַדינגט קומען: אויב יידישע קולטור־ארבעט בכלל זאָל קאָנען עקזיסטירן.

ווי פּאָליטיש־רייף און פּראַקטיש עס זאָל נישט אויסזען אין די אויגן פון מאַנכע פּאַרטיי־טוער, אַז אונזער יידישע מחנה זאָל זיך טיילן אין שבטים־בלאָקן, שטייען מיר באמת פאַר אַ גרויס געפאַר. ווען אַזאַ טיילונג, ווען אַזאַ שניט זאָל חלילה באמת אדורכגעפירט ווערן.

ווי ווייט דער יידישער מהלך זאָל נישט זיין פון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק, וואָרצלען נאָך אַלץ די „פוילישע וועלדער" נישט אויף דעם צווייטן זייט פונם אָקעאַן, און די „סיבירער־שניי לידער" אודאי און אודאי נישט! אין וואָסער



שפּל המדרגה אונזער יידישע קולטור זאָל יעצט נישט זיין אין מזרח אייראָפּע און אין סאָוויעט רוסלאַנד, שיינט עס אָבער אַלץ, אַז אין אַמעריקע איז עס, אפשר, נאָך שפּלדיקער — רעלאַטיוו גענומען, זיכער!....

און וועלן מיר פון דער שפּלדיקייט אונזערע, פון דער מאַכטלאָזיקייט ניט קומען צו אַ גרויסער הכנעה, צו אַן איינִיקייט־ענִיוות, לגבי אונזער גרויסער ירושה, און לגבי אונזער גרויסע שאַפער פון אַצינד, וועלן מיר זינקען אַלץ טיפער און טיפער — און מיר האַלטן דאָך שוין באַלד ביי די מ"ט־שערי־טמאה, רחמנא־לצלן!

די אַלאַרעם־רעקלאַמעס וועלן דאָך באַלד מוזן אויפהערן, ווייל ס'וועט דאָך נישט זיין פאַר וועמען, ווייל פון טאָג צו טאָג ווערט דאָך אַלץ אונזער מחנה קלענער — שוין איצט אינטערעסירן זיך דאָך שוין קוים נאָר די וואָס האָבן אינטערעסן דערין!... און ווען מיר וועלן שטיין פנים אל פנים מיט דער נייער חלוקה־געפאַר וועט עס שוין זיין צו שפּעט און פאַרפאַלן! — אַזאַ טיילונג קאָן ווידער ווערן טראַדיציע־ירושה, ווען מיר וועלן שוין האָבן אַ גוט איינגעפונדרעוועטע מיליטערישע און פּאָליטישע מלוכה...

דער „קאָנגרעס" ווי די „קאָנפערענץ" זיינען ביידע אין צייט — ווען נאָך האָבן מיר געהאַט אַזאַ יידיש־פּאָליטישע איינִיקייט אין יידישן פאָלק ווי איצט. (אַ חוץ אַ פּאָר „איזראַעליטן"־אַסימילאַטאָרן און יידישיסטישע בעווינִיסטן.) איז אונזער אויפגאַבע אַצינד צו דערגרייכן אַ קולטורעלע איינפאַרשטענדעניש בנוגע אונזערע שפּראַכן און גייסטיקע און גייסטלעכע ענינים — באַלד קאָן עס זיין צו שפּעט!

אויב די פּאָליטישע איינִיקייט איצט וועט נישט ווערן אַ גייסטיק אידעאָלאָגישע, אַ יידישליכע, אַ כריתת־ברית־געבונדענע פון יידישע שעפערישקייט, וועלן מיר זיין מאַכטלאָז. געטיילט אין זיך, און ממילא גייסטיק באַערשט פון אַנדערע, ווי פּאָליטיש און מיליטעריש שטאַרק מיר זאָלן נים ווערן.

מיר גלויבן אין אונזער קיום, אין אונזער יידישן המשך, אינם געזונטן לעבנס ווילן פון אונזער פאָלק, אומאָפּהענגיק פון יעדן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן ווינט. און מיט דעם גלויבן אין אונזער פאָלק און מיט דעם שליחות גרייטן מיר זיך אין וועג אַריין.

אָ, מיר דאָ, געפינען זיך אין אַן אויסערגעוויינלעך גוטער לאַגע, מיר קאָנען שוין לגמרי נישט ענטוישט ווערן, מיר קאָנען נאָר נעהאָלפענע צוריק קומען פון אונזערע נסיעות, ווי יענער אָפּגעלערנטער מלמד וואָס פאָרט צום רבין, אין גרויס דחקות, און דער רבי עצהט אים ס'ערשטע מאָל אַריינצונעמען די ציג אין שטוב אַריין, און ס'צווייטע מאָל די ציג צוריקאַרויסצונעמען — און דורך ביידע זיינע גלויביקע נסיעות באַקומט דער מאמין, ממילא, צוריק די ערשטע „באַקוועמלעכקייט"... אָבער שוין אַ געהאָלפענער!

נו מילא, וועלן מיר, אין ערגסטן פאַל, אויך אַהיימקומען גלויביקע און געהאָלפענע פון אונזערע דאָזיקע צוויי נסיעות. טוען ווייטער אונזער טעגלעכע קליינע ארבעט אין דער זעלבער דחקות, נאָר מיט מער מוט און האָפעדיקער.

# א בריוו פון דעם פראנט

## אין די הרי־נפתלי און הרי־כנען ארום צפת

ווי אזוי מ׳קעמפט העלדיש אין ווידישן דארף עין־זיתים, וואו ר׳ יוסף קארו האט פערפאסט דעם „שלחן־ערוך". — אויף די שטעגן און וועגן וואו דער אר"י הקדוש פלעגט שפאצירן מיט זיינע תלמידים קומען איצט פאר גרויסע מלחמות. — ווי אזוי א גר־צדק באזיגט איינער אליין א גאנצע באפטע סאלדאטן פונם עמיר אבדוללא׳ס לעגיאן.

באגינען וועקן אויף די דונערן פון די קאנאנען. ביים ראנד פון די פעלזן קומט פאר דער קאמף צווישן אונזערע קעמפער מיט די טרופען פונם שונא. ארום איז נאך פינסטערלעך איבער די טונקעלע סילועטן פון די ארומיקע בערג, די הרי־נפתלי, לבנון הענגט שוין אבער אן אויסגעשטערנטער הימל וואס אט־אט שיינען אויף אויפן האריזאנט די שטראלן פון אן ארץ־ישראל־דיקע זון, וואס רייסט זיך צום אויפגאנג.

די קעמפער אונזערע זענען אמעריקאנער באיעס, זיי זענען חברים פון די יידישע דערפער „כפר־בלום" און „נאות מרדכי" אין דעם לעצטן נייעם פונקט אין דער חולה־געגנט האבן זיי שוין א נאענטע פארנאנגענהייט פון מסירות־נפש פארן אויפבוי.

פארן אנהויב פון דעם קאמף האבן זיי געהאט זער גוטע באציאונגען מיט די ארומיקע אראבער, נאר די באציאונגען זענען געווארן ערגער פון טאג צו טאג נאכדעם ווי די אראבישע העצער פון דער „נאדושארא" האבן זיי אנגערייצט צו באפאלן די יידישע חלוצים.

איצט שרייבענדיק די שורות נעמען אנטייל שוין אין די אטאקעס און אפטיילונג אינפאנטעריע פון עמיר אבדוללא׳ס סאלדאטן. די אראבישע טרופען פארמעסטן זיך צו באשיסן מיט קאנאנען די צפת׳ער באפעלקערונג און ס׳איז צו באוואונדערן די רוהיקייט פון די צפת׳ער יידן, האבנדיק דעם גלויבן און די איבערצייגונג, אז די העלדישע הגנה היט טריי אפ יעדע פאזיציע און אז עמיר אבדאללא׳ס טרופען וועלן באקומען די אמתע מפלה.

### ווי אזוי מ׳קעמפט העלדיש אין עין־זתים

עין־זיתים איז אינגאנצן א האלבע שעה גאנג פון צפת. י. ל. פרץ האט אמאל שוין באשריבן די „אגודת האלף" ווי אזוי טויזנטער יידישע דאן קי־באטם אין פוילן וואס יעדער איינער פון זיי האט איינגעצאלט 25 רובל און געקויפט אן אקציע אין עין־זיתים. די דאזיקע קאלאניע, וואו ר׳ יוסף קארו



האט אמאל געשריבן דעם שלחן ערוך, פארמאגט א קילע לופט.

איך צוזאמען מיטן צפת׳ער יושב ראש פון דער קאלאניע צבי גלאדסטאן זיצן אין מייבערג האטעל און מיר זען ווי אונזערע בחורימלעך פון עין־זיתים, 60 בחורים שטען ארום 6 קאנאנען און מיטאמאל הערן זיך שיסערייען און דאס קנאלן פון די קאנאנען. ארום צולויפן זיך די אראבישע כנופיות, עטלעכע קאמאנדע־גרופן לויפן מיט זייערע טאנקען פון צפת.

עס איז געווען א נחת צו זען ווי אזוי ווייניק יידישע כוחות באזיגן די אומגעארדענטע כוחות פונם שונא.

### דער זון פון צפתער מיסיאנער סמיט אין די רייען פון יידישן מיליטער

„א יידישע נשמה איז נישט אפצושאצן". ווער וואלט זיך עס געגלויבט אז דער יונגער גלח סמיט, אט דער וואס פארקויפט אין צפת די תנ"כלעך מיט די ברית החדשה׳ס, זאל אלס פרייוויליקער קעמפן אין די רייען פון יידישן מיליטער.

ווי ס׳ווייזט זיך ארויס איז סמיט איצט א בעל־תשובה. שוין 3 יאר צייט ווי ער האט זיך מגייר געווען ביים רב אין תל־אביב, און די צערעמאניעס פון זיין ברית איז פארגעקומען ביי משה לוי נחום דער מוכתר פון דער שכונת התימנים, וואס גיט אויך דעם יונגען סמיט אונטערריכט אין יידישע למודים.

סמיט קען די גאנצע געגענט אין גליל העליון און גליל התחתון ווי זיינע צען פינגער. ער איז דאס געווען דער יעניקער וואס האט אויסגעארבעט דעם פלאן פון דעראבערן דאס אראבישע דארף „איין זייטאן" און ער איז געווען דער ערשטער וואס האט איינער אליין מיט א קאנאן באשאסן די אראבער, וואס האבן באלאגערט „רמות נפתלי".

די יידן האבן איצט גענומען א נקמה פאר די „מעשים תעתועים" פון די שכנותדיקע אראבער אין יאר 1929 ווען זיי האבן פארברענט לעבעדיקערהייט די צפת׳ער און עין־זיתים׳ער תושבים פלינער, מרגליות.

בעת איך פרעג דעם בעל תשובה סמיט, צי איז אייך לייכט צו באשיסן די באקאנטע אראבער פון נאנטן „איין זייטאן", ענטפערט ער מיר:

— יא, דוקא איך ווייס אז ווען די אראבער פון סיריע וואלטן דעמאלט פארברענט פלינערן מרגליותן וואלט איך זיי געשאנעוועט. אבער איך בין נאך דעמאלט געווען א קריסטלעכער עוואנגעלישער גלח און איך ווייס אז דאס זענען זיי געווען די רוצחים און עס איז טאקע נאטירלעך אז מיר זאלן איצט נעמען נקמה פאר יענעם פאגראם.

## יידישע מוסטערהאפטע האלטונג אין די הייסע טעג

אט פירט מען מיך מיט אנגעפאנצערטן אויטא קיין מירון און איך בין פארוואונדערט געווארן זענעדיק ווי אין אזא מסוכנער צייט זיצן דארט יידן

תלמידי־חכמים און לערנען דעם תלמוד ירושלמי, זוהר און „עץ חיים" פון אר"י הקדוש. דער ראש ישיבה ר' אבישל סלאָנימער ווייזט אין ספר „הדרת מלך", אַז דווקא מלחמה־צייט אין גרעסטן געפאַר דאַרפן יידן נישט פאַרלאָזן דאָס קבר פון ר' שמעון בן יוחאי.

בעת מיר פאָרן צוריק קיין צפת איז דער גאַנצער וועג פון מירון ביז צפת פוסט, ארום הערן זיך די דונערן פון די קאַנאָנען.

יידן דאָ אין צפת האָבן רואיקערע נערוון ווי די ענגלענדער אין לאָנדאָן. אָט נעמט די גאַנצע עטלעכע חדשים זינט סוף נאָוועמבער 1947 :

אין ארץ־ישראל זענען פאָרגעקומען א רייע זער ערנסטע קאַמפן צווישן דער הגנה און די אַראַבישע באַנדעס. די קאַמפן האָבן מיט זיך געבראַכט דורכפאַלן און זיגן. יעדער דורכפאַל איז אויפגענומען געוואָרן דורכן ישוב מיט טיפער אנטשלאָסנקייט צו שטאַרקן די רייען און צו מאַכן מעגלעך א זיג דעם קומענדיקן טאָג. די געפאַלענע קרבנות זענען פון גאַנצן ישוב באַוויינט געוואָרן מיט די העכסטע קדושה־געפילן.

יעדער זיג פון דער הגנה האָט ארויסגערופן א ספּאָנטאַנען אויסברוך. שווער איז זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ישוב פרייטיק אוונט, דעם 16־טן אַפּריל, ווען דער הגנה־ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן וועגן דעם דראַמאַטישן אריינפאָר פון די קאָנוואָיס מיט בערך 300 לאַסט־אויטאָמאָבילן קיין ירושלים, ברענגענדיק דער באַלאַגערטער יידישער באַפעלקערונג שפּייז און געווער צו זעלבסטפאַרטיידיקונג און פאַרבינדענדיק צוריק דעם יידישן טייל פון ירושלים מיט די קאַמפס־אָפּטיילונגען פון דער הגנה און מיט דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. די שמחה פון יידן איז אין יענעם מאָמענט איבערגעגאַנגען אַלע גרענעצן פון מענטשלעכער דערהויבונג.

שווער איז פאַר יידן, וועלכע לעבן אויסער ארץ־ישראל, זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די יידן אין תל־אביב און אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד, האָבן 12 לאַנגע טעג און נעכט דורכגעלעבט די ביטערסטע געפילן פון פּיין, ווען דאָס יידישע ירושלים איז געווען באַלאַגערט. די באַלאַגערונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו מיט קיין טעלעפאָן האָט מען זיך נישט געקענט באַנוצן.

ווען מען ווייסט וועגן דעם, קען מען זיך טיילווייז פאָרשטעלן ווי גרויס עס איז געווען די יידישע שמחה אין לאַנד, ווען טויזנטער הגנה־קעמפער האָבן פריי געמאַכט די וועגן פון תל־אביב קיין ירושלים און געמאַכט מעגלעך פאַר די קאָנוואָיס און לאַסט־אויטאָבאָבילן אריינצוקומען מיט שפּייז און מיט אַנדערע נויטיקע זאַכן.

---



## א. נ. שטענצל

# ירושלים הבנויה

ווי האָבן מיר דיך אויפגעבויט, ירושלים,
קאָפּ אויף קאָפּ די אָפּגעהאַקטע זעקס מיליאָן,
און דאָס בלוט אונזערס, איבער גאָרער ערד צעגאָסן,
איבער דיין טורעם די צעפּלאַטערטע פאָן.

אַלבאַסטער לייבער, אומשולדיק־אויסגעבלוטיקטע,
ארויף צו דיר די ווייסע מירמלשטיין טרעפּ ;
פאַרוויינטע וויסטענישן פירן ווענן צו דיר,
לעבעדיקע באַגראָבענע ספינקסן קעפּ.

אַרקאַדיען־זיילן, קונציק געצירטע, געדרייטע,
דער אויפגעגאַנגענע קרעמאַטאָריום־רויך ;
אַזויפיל קינדלעך אומשולדיקע, געקוילעטע,
באַפליגלטע אַמאַר־קעפּלעך אין דערהויך.

און די טאַראַסן און די הענגענדיקע גערטנער,
אַרום און אַרום ווי וואונדערלעך צעבליט ;
פון די פאַרשאָטענע אַש־פונקען, פאַרלאָשענע —
ס'מינדעסטע רויזל נאָך פייערדיק צעגליט !

אויסגעפּלאַסטערט דיינע גאַסן, דיינע מאַרק־פּלעצער
פון יערן אויף אונז נאָכגעוואָרפענעם שטיין !
ירושלים, זיי אַלע אויסצופּלאַסטערן
ווי אומענדלעך גרויס וועסט דו דאָס מוזן זיין — — —

אָ, דיין גלגלתא־באַרג אַצינד, ירושלים,
קאָפּ אויף קאָפּ ארויפקוקן צו דיר די שטעט.
אַנידערצעוואָרפן זיך אויף די קני פאַר דיר,
אין זייער מחילה־און ווידוי געבעט.

# אונזער חלה טישטוכל

ס'האָט טרויריק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט,
איבער ביישטידל אונזערן, איבער שמאָלן,
דערפאַר שבת אויפן חלה־טישטוכל,
איז גאַנץ ארץ־ישראל געווען אויסגעמאָלן.

רחל׳ס־קבר, די מערת־המכפלה,
די מלאכים, ווען מאמע שרה׳ן זיי בענטשן;
די אָדלערס און לייבן פון ביידע זייטן,
ממש אויסגעזען ווי לעבעדיקע מענטשן.

אַ גאַנצע וואָך איז אונזער נאַקעטער טיש
אַ האַלב־באַרעקטער בלויז מיט טישטוך געווען,
זשגאַמזשענדיק דעם ביסן ברויט — פון טיש אַראָפּ
דעם „על נהרות" מיט ליפּן גאָר געלעזן.

חרובדיק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט
איבער ביישטידל אונזערן איבער שמאָלן,
אָבער ווי רחבותדיק ס׳גאַנצע בית מקדש
פון חלה־טישטוכל ארץ־ישׂראלן.

און ווען שבת־פאַרנאַכט שאָטנס טונקעלע
האָבן דאָס שטיבל אונזערס נעטון איינהילן,
ס׳האָט דעם „גאָט פון אברהם" מיין פרומע מאַמע
גענומען זאָגן מיט אַ ניגון אַ שטילן — —

יאָ, אויף אַ פערד אַ ווייסן, אָן אָרעמען,
איז טאַקע משיח אָנגעקומען צו רייטן,
אָבער פון ביידע זייטן פון טישטוכל אַראָפּ,
אָדלערס און לייבן געטאָן טון אים באַגלייטן.

די דרויסנדיקע דריי ליכטיקע שטערן
איבער ירושלים זיינען געשטאַנען!
פונם חלה־טישטוכל פון געמאָלטן
אויף הימל ארויף זיינען זיי אויפגעגאַנגען,

פונקט ווי פּריטיק-צו־נאַכט די צוויי מלאכים,
טאַטן און שטוב אריין האָבן געטון באַגלייטן,
ווען מאַמע צווישן די געצונדענע ליכט,
ס׳טישטוכל אויף די חלות געטון פאַרשפּרייטן.
— — — — — — — — —

ס׳האָט טרויריק די מערב-וואַנט אַראָפּגעקוקט,
איבער ביישטידל אונזערן, איבער שמאָלן,
דערפאַר שבת אויפן חלה־טישטוכל,
איז גאַנץ ארץ־ישׂראל געווען אויסגעמאָלן.



## שנת ת״ח — תש״ח

וואָס זיינען היידאַמאַקעס, כמעלניצקי,
אַנטקעגן דעם וואָס געשען ס׳איז אַצינד?
ס׳האָט אַ קאָזאַק דעמלט, אַ שכורער,
אויף אַ פּיקע אויפגעשטאָכן אַ קינד —
מיליאָנען אויפגעגאַנגען אין פלאַמען,
און דער רויך איצט אַ צעפלאַשעטער אין ווינט!

נישט קיין גמטריא, נישט קיין פרט,
אויסגעחשבנטער ק״ץ פון שבתי צבי,
אַ פיבער־קאָפּ געוויקלט אין טורבאַן,
פאַר סולטאַן קורעים פאַלנדיק אויף קני —
אַ חנניא מישאל ועזריה
פון אויוון ארויס, יעדער פּליט־די. פּי.

עס איז דער ברענענדיקער מהלך,
ברוך שפּינאָזאַ, דער בעל שם, דער ש״ך,
ס׳איז דער גמטריא סך־הכל,
פון יידישע קדושים ביז שנת תש״ח. —
איינשטיין־אויפגעבראָכענע־אַטאָמען:
יוד. חת. ברענערס אצ״ל, לח״י און פלמ״ח.

---

## „ברידער-קאַמף אין ישׂראל"

(צייט־ליד) פון אַ צייטונג־נאַכריכט

אַז איר אַליין שיסט איינער אויפן צווייטן,
טאָ וואָסער טענה נאָך צו די פעלקער האָבן?
מעגן זיי דאָך ביי לעבעדיקן לייב שוין
אין מאַסן־און ברידער קברים אונז באַגראָבן.

וואָס שאַדט עס זיי, אַז ס׳רירט זיך די ערד מיט אונז,
אַז אייך צומאָל אונזערע לעבענס נישט רירן?
ג׳רעכט איר זייט ביידע, מסתמא, ווי די פעלקער,
וואָס ווילן ווי איר פונקט זייערס רק אויספירן.

רחל׳ס־קבר, די מערת־המכפלה,
די מלאכים, ווען מאַמע שׂרה׳ן זיי בענטשן;
די אָדלערס און לייבן פון בײדע זייטן,
ממש אויסגעזען ווי לעבעדיקע מענטשן.

א גאַנצע וואָך איז אונזער נאַקעטער טיש
א האַלב־באַדעקטער בלויז מיט טישטוך געווען,
זשגאַמזשענדיק דעם ביסן ברויט — פון טיש אַראָפּ
דעם „על נהרות" מיט ליפּן גאָר געלען.

חרובדיק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט
איבער ביישטיד׳ל אונזערן איבער שמאָלן,
אָבער ווי רחבותדיק ס׳גאַנצע בית מקדש
פון חלה־טישטוכל אַרץ־ישׂראלן.

און ווען שבת־פאַרנאַכט שאָטנס טונקעלע
האָבן דאָס שטיבל אונזערס געטון איינהילן,
ס׳האָט דעם „גאָט פון אברהם" מיין פרומע מאַמע
גענומען זאָגן מיט א ניגון א שטילן — —

יאָ, אויף א פערד א ווייסן, אָן אָרעמען,
איז טאַקע משיח אָנגעקומען צו רייטן,
אָבער פון בײדע זייטן פון טישטוכל אַראָפּ,
אָדלערס און לייבן געטאָן טון אים באַגלייטן.

די דרויסנדיקע דריי ליכטיקע שטערן
איבער ירושלים זיינען געשטאַנען!
פונם חלה־טישטוכל פון געמאָלטן
אויף הימל אַרויף זיינען זיי אויפגעגאַנגען,

פונקט ווי פּרייטיק־צו־נאַכט די צוויי מלאכים,
טאָטן אין שטוב אַריין האָבן געטון באַגלייטן,
ווען מאַמע צווישן די געצונדענע ליכט,
ס׳טישטוכל אויף די חלות געטון פאַרשפּרייטן.

— — — — — — — — —

ס׳האָט טרויריק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט,
איבער ביישטיד׳ל אונזערן, איבער שמאָלן,
דערפאַר שבת אויפן חלה־טישטוכל,
איז גאַנץ אַרץ־ישׂראל געווען אויסגעמאָלן.



## שנת ת״ח — תש״ח

וואָס זיינען הײדאַמאַקעס, כמעלניצקי,
אַנטקעגן דעם וואָס געשען ס׳איז אַצינד?
ס׳האָט א קאָזאַק דעמלט, א שכורער,
אויף א פּיקע אויפגעשטאָכן א קינד —
מיליאָנען אויפגעגאַנגען אין פלאַמען,
און דער רויך איצט א צעפּלאָשעטער אין ווינט!

נישט קיין גמטריא, נישט קיין פּרט,
אויסגערחשבנטער ק״ץ פון שבתי צבי,
א פּיבער־קאָפּ געוויקלט אין טורבאַן,
פאַר סולטאַן קורעים פאַלנדיק אויף קני —
א חנניא מישאל ועזריה
פון אויוון אַרויס, יערער פּליט־די. פּי.

עס איז דער ברענענדיקער מהלך,
ברוך שפּינאָזאַ, דער בעל שם, דער ש״ך,
ס׳איז דער גמטריא סך־הכל,
פון יידישע קדושים ביז שנת תש״ח. —
איינשטיין־אויפגעבראָכענע־אַטאָמען:
יוד. חת. ברענערס אצ״ל, לח״י און פלמ״ח.

---

## „ברידער־קאַמף אין ישׂראל"

(צייט־ליד) פון א צייטונג־נאַכריכט

אַז איר אַליין שיסט איינער אויפן צווייטן,
טאָ וואָסער טענה נאָך צו די פעלקער האָבן?
מעגן זיי דאָך ביי לעבעדיקן לייב שוין
אין מאַסן־און ברידער קברים אונז באַגראָבן.

וואָס שאַדט עס זיי, אַז ס׳רירט זיך די ערד מיט אונז,
אַז אייך צומאָל אונזערערע לעבענס נישט רירן?
ג׳רעכט איר זייט בײדע, מסתמא, ווי די פעלקער,
וואָס ווילן ווי איר פונקט זייערס רק אויספירן.

עס האָט שוין געפּסקנט אַ קעניג אין ישראל,
ווער פון אייך ביידע בלייבן זאָל דער גערעכטער:
די וואָס וויל ס'פּריש־געבוירענע צעשניידן,
די איז נישט די מוטער פון קינד — נאָר דער שעכטער.

וואָרים באמת אויב ס'וואָלט יידיש לעבן
אייך ביידע גלייך טייער און הייליק געווען — — —
ווי די ערד מיט לעבעדיק פאַרשאָטענע,
מיין הארץ אויפגעציטערט האָט ווען כ'האָב געלעזן:

אַ ברידער קאַמף אין ישראל אויסגעבראָכן —
הגנה און ארגון שיסט איינער אויפצווייטן — —
אָ, דאָס איז עס דאָך אויף וואָס דער שונא וואָרט,
קוילעט אייך נאָר אויס, וועט ער קומען צום גרייטן.

ס'איז דעם שונא אין אינדיע, אין גריכלאַנד —
זאָל עס אים אויך איצט אין ישראל געלינגען?
בעסער אויפברעכן זיך ערד אַ ברידער־גרוב,
ביי לעבעדיקן לייב אונז אַלע פאַרשלינגען — — —

אַז ווי אַזוי אויסקומען מיט גאָרער וועלט,
אַז צווישן זיך מיר קאָנען נישט אדורכקומען?
אָדער האָט איר דאָס אַזוי פּיילבוינן־פּלינק,
די חכמת הפּאָליטיקע שוין באַנומען?

אָ, אויב דאָס מיינט „בכל־הגויים־מלוכה
אין איינן בלוט איינענע הענט באַפלעקן?
איז שוין גלייבער גלות־קרעמאַטאָריום־אַש
צעשפּרייט איבער אַלע וויסטע ווילדע העקן.

אַז איר אַליין שיסט איינער אויפן צווייטן,
טאָ וואָסער טענה נאָך צום שונא שוין האָבן?
איז עס ווייל איר ווילט בלייבן די גבורים,
ווילט איר דאָס לאַנד, וואָס איר באַפרייט האָט, באַגראָבן?

איבער איינן פאָלק „תמות נפשי“ זאָגן —
אַזאַ שמשון איז גאַנץ שוין אַראָפּ פון זינען!
„איזהו גבור הכובש את יצרו“ — — —
דאָס איז דער לעצטער זיג, אַ שלאַכט צו געווינען.



פּיער וואַן געלדערן (תל־אביב)

# העלדישע יידן פון די קאַווקאַזער בערג

## דעראַבערן

## וואַסער פאַר די דורשטיקע יידן אין ירושלים

### מאמענטן פון גבורה און מסירת־נפש פאַר מדינת ישראל

אַ בריוו פון ארץ־ישראל פראָנט

אַ זייטיקע שכונה נישט ווייט פון שכונת מאָנטעפיאָרע — שכונת הקאַווקאַזים — אַזוי הייסט די שכונה, וואו ס'וואוינען יידן פון די קאַווקאַזער בערג.

זיי האָבן שוין אַ חזקה ביי אונז אויף גבורה און העלדישקייט. אַז דו עפענטסט אויף דעם בוך „יזכור“ וועגן די געפאַלענע שומרים אין ארץ־ישראל טרעפסטו דאָרט קאַזאַנאָוו, אידי דזשינגוואַף און אנד. קאַווקאַזער יידן וואָס האָבן אָפּגעהיטן דאָס יידישע האָב און גוטס.

זיי וואוינען אין באַראַקן און זיי שטעלן פאַר דאָס אָרימסטע קוואַרטאַל פון תל־אביב.

אָט אין דעם קוואַרטאַל האָט מנחם בעגין, דער אָנפירער פון „אירגון צבאי לאומי“ און פרידמאַן־יעלין דער אָנפירער פון די „לוחמי חירות ישראל“ אַ סך סאָלדאָטן.

אַז דו שפּאַצירסט אין דאָזיקן קוואַרטאַל הערסטו כסדר די ראַדיאָ־רעדעס פון די אירגוניסטן און פון די „פייטערס“ און די דאָזיקע סאָלדאָטן האָבן היינט דעראָבערט ראַסאַלן פון וואַנען זיי ווילן איצט צופירן וואַסער פאַר ירושלים.

בעת כ'בין איצט געקומען מיט'ן מיליטער קיין תל־אביב האָבן מיר באַזוכט די שכונה פון די קאַווקאַזער יידן.

קודם כל האָט אונז מקבל פנים געווען דער „חכם“. ער איז אַן עלטערער ייד, מיט אַ פאַרהאָרעוועטן פאַרברויכטן פנים און אַ פּאָר געזונטע מוסקולן.

ער פירט מיר אריין צו זיך אין באַראַק. די גאַנצע מעבל אין באַראַק באַשטייט פון אַ לאַנגן ווייסן טיש מיט אַ פּאָר פּראָסטע בענק. פון וואַנט הייגנט אַראָפּ אַ „מזרח“ — קענטיק אַ געבראַכטער פון דער אַלטער היים פון קאַווקאַז. אויפן פּראָסטן טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שיסל אונגערקעס מיט זיתים, איז אויך געלעגן אַ קליינער סידור מיט אַ תהילימל. אין ווינקל פון באַראַק ביי דער וואַנט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גראַבאייזן, אַ רידל און אַנדערע אַרבעטס־מכשירים. באַמערקענדיק מיין פאַרוואונדערונג, רופט זיך אָפּ צו מיר דער קאַווקאַזער ייד, אָנווייזנדיק אויף די מעבלען — אָט דאָס אַלץ, וואָס איר זעט, „סאַמאָדעלקע“, אייגענע אַרבעט.

באקוקנדיק מיין בעל־הבית און דעם איינפאכן באראק, איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען, אז מיין גאסטפריינטלעכער קאווקאזער ייד, וואס האט מיר איינגעלאדן צו זיך אין שטוב און איז געווען אזוי ליבנסווירדיק צו דערציילן די געשיכטע פון די קאווקאזער יידן, וואס זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל, — איז אן איבערגעגעבענער, געזונטער ארבעטער, אין וועלכע עס נויטיקט זיך טאקע די בויענדיקע ארץ־ישראל. אנדערש צו טראכטן וואלט נאר קיינעם נישט איינגעפאלן. דורכשמועסנדיק אבער מיט אים, האב איך דערזען, וואס פאר א גרויסן טעות איך האב געהאט. מיין גאסטפריינטלעכער בעל־הבית איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער ר ב אליין — דער גייסטיקער פירער פון די קאווקאזער יידן.

איך האב געקוקט אויף דעם ברייטפלייציקן און שלאנקן ארבעטער־העלד. דער פנים און די הענט פון וועלכן ס׳האבן עדות געזאגט, אז ער באהעפט זיך יעדן טאג מיט דער ערד און איז א נאענטער מחותן מיטן אקעראייזן און איך האב מיינע אויגן נישט געגלויבט. אז פאר מיר שטייט א רב. נישט דער מענטש אליין און נישט דער באראק מיט זיינע מעבל און מכשירים ווייזן אויף דעם. עפעס זיינען מיר געוואוינט געווארן צו זען גאר אנדערע רבנים. דאס איז אבער דאך געווען דער קאווקאזער רב. מיר האט עס מגלה געווען דער בעל־הבית, דער רב אליין.

עטלעכע שעה האב איך פארבראכט אין דעם קאזאקן־קווארטאל און באטראכטנדיק די מאדנע יידן, וואס מאכן אן איינדרוק פון געזונטע רוסישע פויערים. ס׳דוכט זיך אייך אפ, אז איר געפינט זיך אין עפעס א טיף־רוסישן דארף. די תושבים פון דער שכונה שטעלן מיט זיך פאר אמת רוסישע טיפן, וועלכע זיינען אבער איבערגעגעבן דער יידישער לאנד און דעם אויפלעבונגס־אידעאל.

נאר א באזונדערע וועלט שטעלן זיי מיט זיך פאר און אויף זייער אויסערלעכקייט ליגן נאך די צייכענס פון טיפן קאווקאז. זיי האבן אייך אן איינענע שול, וואו מען דאוונט יעדן שבת און יום־טוב צוזאמען און דער רב דאוונט טאקע פארן עמוד. דער עולם זייערער איז פרום און די קינדער לערנען אין חדר. אבער מער, ווי עברי אדער אין בעסטן פאל א פרשה חומש, לערנען זיי זיך נישט אויס. ווייל ווען דער יינגל קען שוין דאוונען, מוז ער שוין שלעפן דעם יאך און ארבעטן צוזאמען מיט דער גאנצער קאווקאזער משפחה.

איך האב געשמועסט מיט די דאזיקע קאווקאזער יידן, וועלכע האבן מיר אנדערציילט וועגן זייער ביטערן גורל אין קאווקאז און זייער ליבע צו ארץ־ישראל. און שמועסנדיק מיט זיי, פילט איר, אז ס׳גליט אין זיי א יידישער פינק, וואס זוכט א תיקון פאר דער נשמה. — איר זעט פאר זיך מענטשן מיט א פעסטן ווילן צו אויפבוי און ארבעט. א סך האבן זיך די דאזיקע יידן אויסגעליטן, ביז זיי האבן זיך ארויסגעריסן פון דער וויסטעניש און געקומען קיין ארץ ישראל, זיך גענומען צו פשוטער שווערער ערד־ארבעט און אפילו



דער רב אליין האט זיך אויך גענומען צו דער אייגענער פראצע. אויך אין קאווקאז איז דער רב געווען אן ערד־ארבעטער, געהאט א שטיקל ערד און איר מיט שוויים באארבעט, — מיט א תהילימל אין האנט האט ער געזייט און געאקערט און אריינגעבלאזן א ברכה אין זיין ארבעט.

און אט זיינען זיי געקומען אין תל־אביב, צווישן מענטשן, וואס זייער ארט לעבן האבן זיי נישט געקענט, און זיי האבן פריש און פריי אפגעאטעמט, — האבן זיי דאך געבענקט נאך אן ארבעטסלעבן אויף דעם אייגענעם באדן! לעבן זיי זיך איצט אין נויט און ארימקייט און זיינען צופרידן מיט א טאג ארבעט, וואס זיי באקומען. האבן זיי זיך דאך חדשים אויסגעמוטשעט אין וועג, געגאנגען צופוס און זיך געוואלגערט, ביז זיי זיינען געקומען אין א״י, און זיך באזעצט אין דער דאזיקער שורה באראקן און זיך אזוי ארום דער־שלאגן צו אן אייגענעם קווארטאל.

זיצן זיי זיך איצט, די שטילע יידן אין זייערע געצעלטן און זיי דער־ציילן אייך מעשיות וועגן די ווייטע קאווקאזישע דערפער. — פראווען צו־זאמען די ימים־טובים און טאנצן אינאיינעם זייער אלטן טענצל — דעם אמת׳ן אמאליקן „קאזאטשאק“, וועלכן עס האבן שוין, אגב, אויפגעכאפט די תל־אביבער חלוצים....

זינט ס׳האט זיך אנגעהויבן איצט די מלחמה איז געקומען א שמחה און א פרייד פאר די דאזיקע קאווקאזער יידן. אלע, גרויס און קליין זיינען אין מיליטער. בעת עס ברעכן אויס קעמפן פנים אל פנים זיינען זיי די „מיוחסים“ ווייל זיי קענען די דאזיקע מלאכה מער ווי אנדערע.

פלאס צעפלאקערט זיינען זייערע פנימער בעת זיי רעדן וועגן זייערע ליבלינגען מנחם בעגין און פרידמאן־יעלין אדער בעת זיי דערמאנען דעם נאמען פון יאיר שטערן. זיי זעען אין דאזיקן קריג די מלחמה פון גוג־ומגוג, וואס דערנענטערט די יידישע גאולה.

א שטילע תפילה צוגיסט זיך פונם מויל פונים קאווקאזער ח כ ם: „קום תקום מלכות ישראל!“....

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב
צו באקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פרייז 5/6 —
ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי.

## משה עובד

# נאַטס באַגלייטער פון דער אַלטער שטאָט ירושלים

בכל בוקר ובוקר, ווען ער האָט די וואָלקנס אין קיטלען דערזען,
דערזען די נאַכט־שטערן ווי נעילה־ליכט אויסגיין,
ווען דער ארון-קודש של שחר האָט אויפגעפּראַלט,
און די לבנה ווי אַ שופר של משיח האָט אויסגעשאַלט,
האָט ער געוואוסט אַז דער בורא עולם טוט צום עמוד זיך גרייטן,
אין מיט התלהבות זיך אָנגעגורט צובאַגלייטן.

און באַגלייט האָט ער אות באות,
ווי דעם משכון דער אורים־ותומים,
שחרית, מנחה, מעריב, חצות,
פון בראשית ברא ביז אחרית הימים.

זיין הויכע זוניקע פרייד,
וואָס שטייט אין הימל ווי אליהו'ס בעכער,
צום זיבעטן הימל האָט ער באַגלייט,
געחלומט פון אַן אַכטן און נאָך העכער.

און זיינע טענער פון טיפסטן טרויער,
האָט ער טיף באַהאַלטן אין די כותל מערבי שפּאַלטן,
זיי זאָלן ניט דערגרייכן דאָס אויסגעלאָסן אויער
און מיט אומריינע ליפּן ווי פאַרגוואַלטן.

אַזעלכע לב־ונפש־געזאַלבטע, געטרייע משוררים,
האָט הקב"ה אין דער אַלטער שטאָט פאַרמאָגט,
זיינען זיי איצט חללים, פאַרטריבענע פון בנים־סוררים,
און שטיין אויף שטיין זיצט שבעה און קלאָגט.

און גאָט זאָגט קדיש צווישן די שטיינער
איינזאַם אליין,
ניטאָ קיינער
ער זאָל נאָכזאָגן אמן....



## יוסף פרענקעל

# „אַלט-נייַלאַנד"

(צום 44־טן יאָרצייט פון ד"ר טעאָדאָר הערצל)

כמעט אַלע שריפטשטעלער און דראַמאַטורגן מאַכן פּרוּוון צו שרייבן אַ ראָמאַן. האָט מען דאָך אין אַ ראָמאַן מער באַוועגונגס־פרייהייט אויסצודריקן געפילן, שטימונגען און אידעען. אויך הערצל, וואָס האָט שוין געהאַט אין זיין פּאָרטפעל איינציקע פּאַרטיקע דראַמען, האָט זינט זיין יוגנט זיך געשפּילט מיטן געדאַנק, אַרויסצוגעבן אַ ראָמאַן. נאָך יעדער גרויסער אינערער איבערלעבונג, האָט ער אָנגענומען אַ באַשלוס און אפילו אָנגעהויבן צו מאַכן אַנטוואָרפן פאַר אַ ראָמאַן. אָבער איבער 15 יאָר האָט געדויערט, ביז אינם יאָר 1902, איז דערשינען זיין ערשטער־און־איינציקער ראָמאַן, „אַלט־ניילאַנד".

קודם־כל, זיינען פאָרגעקומען צוויי פּערזענלעכע געשעענישן, וואָס האָבן משפיע געווען זיך צו באַשעפטיקן מיט דער אידעע — צו שרייבן אַ ראָמאַן. ראשית, איז דאָס געווען אַן ענטוישטע יוגנט־ליבע. דריי טעג ערב זיין פּראָמאָווירונג צום ד"ר יורי (13־טער מאַי, 1884), האָט זיך פאַרענדיקט די ליבע צווישן דעם 24 יאָריקן הערצל מיט אַ ווינער יידיש מיידל. זי, וועלכע הערצל האָט געליבט, האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדערן. און דערנאָך — הערצל האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע, אָבער נאָר איין אמת'ן יוגנט־חבר און דער האָט געהייסן — היינריך קאַנאַ.

היינריך קאַנאַ האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער יידישער משפּחה אין רומעניע און האָט שטודירט אין ווין. ביידע האָבן זיך זער שטאַרק באַפריינדעט און ביידע האָבן געוואָלט אין שטורם דעראָבערן די וועלט... אָבער זייערע האָפענונגען זיינען נישט מקוים געוואָרן. עס איז נישט לייכט זיך דורכצוזעצן אַלס ייד און אַלס שריפטשטעלער.

הערצל איז געבליבן אין ווין און האָט, מער־ווייניקער, געהאַט געוויסע דערפאָלגן אויפן געביט פון זשורנאַליסטיק. אָבער קאַנאַ איז געגאַנגען קיין בערלין און דאָרט איז פאַר אים דאָס לעבן געוואָרן נאָך שווערער ווי אין ווין. קאַנאַ איז געווען שאַרף אין אורטייל און אין דער קריטיק. אָבער שוואַך און הילפלאָז אינם קאַמף פאַרן דאָ-זיין. דעריבער איז עס געקומען דערצו, אַז דעם 6־סטן פעברואַר 1891, האָט ער זיך דערשאָסן. איידער קאַנאַ איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע אָפּשיידס־ווערטער צו זיין געטרייסטן חבר הערצל:

„מיין גוטער, טייערער טעאָדאָר! דיין אַלטער חבר זאָגט דיר בלייב־געזונט, איידער ער שטאַרבט. איך בין דיר זער דאַנקבאַר פאַר אַלע דיינע פריינטשאַפטן. איך וואונטש דיר און דיין פאַמיליע אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט. איך קוש דיך. דיין היינריך".

דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר הערצל'ן און ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין זיין פעדער מיט וועלכער ער האָט געוואָלט פאַראייביקן דעם אָנדיינק פון זיין געטרייען, אונגליקלעכן פריינט.

אין זיינע ערשטע ראָמאַן־אויפצייכענונגען געפינען מיר נאָך נישט באַהאַנדלט דאָס גרויסע יידישע פּראָבלעם. הערצל האָט געוואָלט אָנשרייבן אַ ליטעראַרישן יידישן ראָמאַן און בעאַבזיכטיקט אין דעם ווערק צו שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט; צו אונטערשטרייכן די קייגינזאַצן צווישן „אָרימע" און „רייכע"־יידן. די אָרימע — וואָס ווערן פאַרפאָלגט פון אַנטיסעמיטיזם און די רייכע — וואָס ווערן פאַרשוינט.

דאָס שטענדיקע נאָכטראַכטן איבער דעם דאָזיקן ליטעראַרישן ראָמאַן האָט אים געפירט צום פּראַקטישן יידישן פּראָבלעם — צום יידנשטאַאַט־ציוניזם. ער האָט אָנגעהויבן צו דיסקוסירן מיט זיינע חברים איבער די מאָטיוון פון זיין ראָמאַן און כמעט אַלע האָבן אים צוגעגעבן מוט, אָנצושרייבן דעם ראָמאַן. אָבער הערצל האָט איינגעזען, אַז דער ראָמאַן איז נישט דער נעאייניקטער וועג — סיי צו די יידן און צו דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט — צו ריידן ערנסט. עס וואָלט געקלונגען לעכערלעך — האָט געמיינט הערצל — זיך צו ווענדן צו באַראָן ראָטשילד אָדער באַראָן הירש און צו דער אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטישער וועלט אין אָנגעלעגנהייטן פון דער לעזונג פון דער יידישער פראַגע מיט אַ ראָמאַן.

הערצל איז אָפט געווען אין פּראָג לכבוד די אויפפירונגען פון זיינע דראַמען. ווי איבעראַל, האָט עס אים אויך אין פּראָג געצויגן צום דאָרטיקן יידישן קוואַרטאַל און באַזוכט די וועלט־באַרימטע „אַלט־ניי־שול". דער באַטרעפנדער היסטאָרישער בנין האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

עדוואַרד באַכער, דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג „די נייע פרייע פּרעסע" אין ווין, האָט זיך שטאַרק באַמיט אָפּצולענקען איר מיטאַרבעטער, הערצל, פון ציוניזם. פונקט אַזוי האָט אויך הערצל זיך באַמיט, אָבער אויך אָן דערפאָלג, — פון באַכערן צו מאַכן אַ ציוניסט... עס איז קלאָר, אַז ביידע האָבן אַסך דיסקוטירט וועגן דער יידישער פּראַגע.

איינמאָל, דעם 19־טן מערץ אין יאָר 1897, האָט אים באַכער דערציילט אַ וואונדערלעכע שענע לעגענדע וועגן דער „אַלט־ניי־שול" אין פּראָג. די געשיכטע דערציילט, אַז אַ פּראָגער ייד, וואָס האָט געלאָזט אויפבויען די „אַלט־ניי־שול", האָט געפונען אַ לאַנגן אונטערערדישן טונעל אין דער סינאַגאָגע. נאָך אַ מעת־שעה'דיקן שפּאַציר איבער דעם טונעל, איז דער ייד אַרויסגעקומען אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג. דאָס איז אָבער שוין נישט געווען פּראָג. נאָכפרעגנדיק זיך, וואו ער געפינט זיך און הערנדיק, אַז אין ירושלים, איז דער ייד פאַר גליק געשטאָרבן.

די ביידע באַגעבנהייטן אין שייכות מיט דער אַלט־ניי־שול, האָבן הערצלען פאַראַנלאַסט, צו רופן זיין ראָמאַן „אַלט־ניי־לאַנד". הערצל האָט געוואָלט, אַז זיין ראָמאַן „אַלט־ניי־לאַנד", זאָל דערמוטיקן און דערפרישן די יעניקע



בויער, וואָס פאַרלאָזן דעם פינסטערן אייראָפּעאישן גלות־טונעל, גיין און קומען אַרויס צום נייעם לאַנד....

דער נאָמען „אַלט־ניי־לאַנד", איז געוואָרן אַ סימבאָלישער באַגריף ביים יידישן פאָלק. נחום סאָקאָלאָוו, ז"ל, האָט איבערגעזעצט דעם ראָמאַן אין דער העברעאישער שפּראַך און רופט „אַלט־ניי־לאַנד"־תל־אביב....

אין „אַלט־ניי־לאַנד" חלומט הערצל זיין חלום: ער שילדערט דאָרט די יידישע מלוכה ווי זי איז געוואָרן אויפגעבויט אין משך פון 20 יאָר. אָט אַזוי, אין דעם טעמפּאָ, און אין דעם פאָרם וואָלט הערצל געבויט דאָס יידישע לאַנד. „אַלט־ניילאַנד" איז זיין דיכטערישע וויזיע, אָבער גלייכצייטיק, אויך זיין פּאָליטישע צוואה.

כמעט אַלע געשטאַלטן אין ראָמאַן, זיינען גענומען פונם אמתן לעבן. דאָ איז היינריך קאַנא געוואָרן פאַראייביקט. זיינע עלטערן, די פרי־פאַרשטאָרבענע שוועסטער. אָבער אויך אַ סך פערזענלעכע איבערלעבענישן פון הערצל גופא. ווי למשל די פריער דערמאָנטע אַנטוישטע יונגט־ליבע, ווערט באַהאַנדלט אינם ראָמאַן. אויך פאַר זיינע מיטאַרבעטער און קיינגער, האָט ער אין זיין ראָמאַן געשטעלט אַ דענקמאָל. נעמען, וואָס זיינען אַמאָל געווען זער פּאָפּולער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און זיינען היינט אינגאַנצן כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן, אויך זיי זיינען געוואָרן פאַר אייביקט.

אין דעם ראָמאַן־געשטאַלט פון דוד ליטוואַק, דערקאָנט מען זיין פריינט און נאָכפאָלגער דוד וואָלפסאָן; אינם אַרכיטעקט שטיינעק, דערקאָנט מען דעם אַרכיטעק אָסקאַר מאַרמאָרעק. אינם באַקטעריאָלאָג שטיינעק, דערקאָנט מען דעם באַקטעריאָלאָג אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק; אינם אויגן־דאָקטאָר אייזענשטאַרט, דעם פּראָפעסאָר מאַקס מאַנדעלשטאַם; אינם אינזשינער וואַרשאַווסקי — דעם אינזשינער יאָהאַן קרעמענעצקי; אינם סעקרעטאַר וועלנער — דעם פּראָפעסאָר לעאָן קעלנער; אינם באָטאַניקער האַרבורגער — דעם פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג; אינם רעווערענד האָפּקינס — און אין פּאַטער אינגנאַץ, זיינען פאַראייביקט זיינע ענגלישע ציוניסטישע פריינט, רעווערענד ה. וויליאַם העכלער און פּאַטער אינגנאַציוס. אינם פויער מענדל איז לייכט צו דערקענען מנחם מענדל אוסישקין. אין יאָזעף לעווי, דערקענט מען יאָזעף כהן; אין לעאָן קין, דערקאָנט מען דוד לעוואָנטין; אינם קאָמישן טיפּ אינם ראָמאַן, שפּיגלט זיך אָפּ דער ווינער יידיש־אַסימילאַטאָרישער שריפט־שטעלער יולוס באַוער און אינם ראַבינער גייער, איז פאַראייביקט דער טיפּ פון די אַמאָליקע „פּראָטעסט־ראַבינער", וכדומה.

אין „אַלט־ניי־לאַנד" שילדערט הערצל ווי נאָכן אָפּמאַך צווישן די ציוניסטן און טערקיי, ווערט דער אויפבוי פונם לאַנד אָנגעפירט פון דער נייער געזעלשאַפט פאַר דער קאָלאָניזירונג פון ארץ־ישראל. טעגלעך קומען אָן אינם לאַנד טויזנט ביז צוויי טויזנט יידן. די שוין פון פריער אויסגעאַרבעטע פּלענער, ווערן גאָר־גיך רעאַליזירט. מען אַרבעט אין ארץ־ישראל בלויז 7 שעה אין טאָג. אָבער עס זיינען שעה'ן פול מיט באַגייסטערונג. עס אַנטשטייען

דערפער און קאָלאָניעס. שטעט ווערן געבויט און די אינדוסטריע בליט. אַזוי איז „אַלט־נײַלאַנד“, דאָס הונדערט פּראָצענטיקע יידישע ארץ־ישראל. פאַר אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד, יידן און ניט־יידן איז פאַראַן גערעכטיקייט און רעכט און פרייהייט פאַר אַלעמען!

דאָס איז הערצל׳ס אייביקער חלום!

און ער האָט געוואָלט, אַז ווען ער וועט מער ניט זיין צווישן די לעבעדיקע, זאָלן אַנדערע פאַרזעצן זיין גרויסן חלום.

און אַז הערצל איז געשטאָרבן, האָט מען אין זיין צוואה געפונען איין וואונש, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיינע ביינער אריבערפירן פון ווין קיין ארץ־ישראל, אין זיין „אַלט־נײַלאַנד“... הגם עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן באַשלאָסן מקיים צו זיין הערצל׳ס צוואה און מען האָט צוליב דעם אויסגעוויילט ספּעציעלע קאָמיסיעס, פונדעסטוועגן איז זיין וואונש עד־היום ניט געוואָרן דערפילט. . . .

כמעט 35 יאָר האָט מען דיסקוטירט וועגן דער פראַגע:

„וואו זאָל מען הערצל׳ס ביינער מקבר זיין? — אין ירושלים אָדער אין תל־אביב? אפשר אויף אַן אַנדערן פּלאַץ?“

בעת די היציקע דעבאַטן האָט מען גערעדט אפילו וועגן דעם טוך, וואָס זאָל באַדעקן דעם ארון פונם מת. אָבער אינם מת גופא, האָט מען פאַרגעסן..

יאָ, אין הערצל׳ן האָט מען פאַרגעסן! והראיה: ער ליגט נאָך היינט, 44 יאָר נאָך זיין טויט, אויפן דעבלינגער בית־עלמין אין ווין. . . .

אָבער ווען די קאָמיטעט־מיטגלידער קוקן נאָך אין „אַלט־נײַלאַנד“ וואָלטן זיי זיך נישט באַדאַרפט צו קריגן וועגן דעם, ווי הערצל וויל ליגן אין ארץ־ישראל.

דאָרט, אין זיין „אַלט־נײַלאַנד“ זאָגט הערצל: „און ווען איך וועל שטאַרבן, לייגט מיך... דאָרט, אויבן, אויפן בית־עלמין, אויפן כרמל, פונוואַנען מען האָט דעם בליק אויף מיין ליבן לאַנד און אויף מיין ליבן ים“. . . .


„אין זכות פון די טעג“ 3/6

„אין חדר אריין“ 5/-

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי




## ס. פּאַלמע

### דאָס פּיאָנערן־ליד *

— וואָס איז עס, ווער איז עס וואָס האָט אין דערנאַכט,
אַ פאַקל געצונדן, פאַרשקלאַפטע דערוואַכט
און האָט זיי געוויזן דעם ציל אין דער וויים?

— עס האָבן פאַרפרעמדטע דעם גורל דערקענט,
עס האָט זיי דער גורל געשטאַרקט זייערע הענט. —
אָט שטייט דאָרט אַ שומר אויף באַרג־שפּיץ און שרייט:

— ס׳איז דער ציל וואָס האָט גערופן,
ניט פאַרשלאָפן,
האָפן, האָפן,
האָפן ס׳זאָל די גאולה זיין:
ס׳האָט דער ליידן אים דערהויבן:
פון די שטויבן,
גלויבן, גלויבן,
גלויבן ס׳איז די שעה איצט זיין,
ס׳איז די שעה אויך דיין!

— געקומען איז אָנזאָג וואָס האָט פונם האַרץ,
פאַרטריבן דעם „פרעמדן“ געהילטער אין שוואַרץ,
דעם שטענדיקן פחדן געגעבן זיין ווערט!

— ס׳האָט זינגען אין שוועבלינג געהויבן זיין מוט,
געגעבן אים ווערטן דורך פייער און גלות,
וואָס האָט אים געלייטערט, געהייליקט זיין שווערט!

— ניין, מיר זיינען קיין פחדנים,
קיין נאַראָנים,
בנים, בנים,
בנים, בנות אינם שטרייט
און מיר זינגען פרייהייטס־לידער,
ווי די שמידער,
ווידער, ווידער,
ווידער אינם קאַמף באַגלייט,
אין דעם קאַמף באַגלייט!

* פאַר מעלאָ דעקלאַמאַציע — סאָלאָ און כאָר.

— עס שטייען אויף העלדן, — אויך יונגע ווי אַלט,
זיי גאַנצן די רייען ווען איינער נאָר פאַלט,
ס'דערהויבט זיי דער גלויבן וואָס טייטלט צום ציל!

— געבויגענע גופים מיט לאַסט אויפן קאַרק,
זיי ציט עס צום אוצר אויף יענעם זייט באַרג
און ווייסן עס איז ניט דורך כישוף אַ שפּיל:

— פונם עבר קומט אַן עדה,
באָבע־זיידע,
ביידע, ביידע,
ביידע זאָגן אָן די צייט:
צייט צו קומען נאָך ירושה,
שטראָפט דעם רשע
בושה, בושה,
בושה דעם וואָס שטייט אין ווייט,
דעם וואָס האַלט זיך ווייט...!

— וואוהין גייען ברידער מיט פרייד און געזאַנג,
קעמפער, פּיאָנערן, מיט ריטעם און קלאַנג,
העלדן, מכביער, געלאָדן מיט פּעק?

— וואוהין־צו חברים אויף וועגן באַנאַנד,
אויף וועגן באַקאַנטע אין אַלט־נייעם לאַנד,
אויף שליאַכן געטראָטן פון זיידעס מיט העק...?

— הין מיר גייען צו באַפרייען,
צו באַנייען,
שרייען, שרייען,
שרייען: עם ישראל חי!
און מיר פאַלגן זיי, די זיידעס,
שטילע עדות,
עדה'ס, עדה'ס,
זיי לכבוד איז כדאי,
אַלץ פאַר זיי ז'כדאי!

— עס הערט זיך פון שופר און טראָמפּייט דער שאַלן,
דאָס זייגען אין מדבר די רוף'ס־סיגנאַלן,
אויף באַרג־שפּיץ אַ הויכן, די בלוי־ווייסע פאָן!



— געצונדן איז חושך וואָס פלאַקערט און העלט,
בהלה און שטורעם, מען וויינט און מען קוועלט,
עס שטורמען אַרמייען, אַט קומען זיי אָן!

— מיר מאַרשירן, וועקן, רופן,
די וואָס שלאָפן,
פּאָפן, פּאָפן,
און פאַרשלאָפן רופס־סיגנאַלן
און עס ענטפערט מוטיק, גלוסטיק,
יונגען ברוסטיק,
לוסטיק, לוסטיק,
צו פאַרטרעטן די וואָס פאַלן,
די אין קאַמף וואָס פאַלן!

## יצחק ווינער (עסטרייך)

## וועלט פון בלוט איז שכור...

יידיש בלוט איז אַלץ נאָך הפקר
פון ווילד־פאַרשכור'דיקן ווין,
ס'בלוט פון חלף — מיט רוצח'ישן געלעכטער
פּויקט אין הוילער לײדיקייט אַריין....

וועלט איז שכור פון די זינגן
אין פאַרמעסט פון מאָרד און רויב.
אָ, מיין שאַרבן! אויף וואָגשאָל טוסט זיך ווינן,
מיטן מערדערס גאָלד־באַקראַנצטן לויב....

ווי צו די, וואָס לאָזן בלוט פון שוואַכן
און פאַרהאַנדלען עס אויף ווין — — —
און ווייסן ניט אפילו, אַז זיי לעסטערן און לאַכן
פון גאָט, פון מענטש און פון זיך אַליין....

קוק אין קרבנ'ס לעצטע בליקן,
קלאָרער ווערט דער זין פון לייד.
זיי צינדן אָן אַ פלאַם: — דעם חיה־מענטש דערשטיקן —
און אַ לויטערע נייט אויף די פרייד....

בינדערמיכל, מערץ 1948

## יחזקאל נח ערלעכמאַן

# „נעבעך געמסרט“
(אַן אמתע מעשה)

דאָס איז געשען אין די אַכציקער יאָרן פונם 19־טן יאָר־הונדערט. צו יענע צייטן איז דער הויפּט־אינטערעס פון אַ יידיש קינד געווען צו זיין אַ גאַנצן טאָג אין חדר, און אין די פרייע פאַרנאַכטן פאַרברענגען אין שטאָט־טישן בית־המדרש אָדער אין „שטיבל“ ביי די חסידים.

עס איז דעמאָלט קיין יידישע צייטונג נישט געווען אין פּוילן. און אַ העברעאישע צייטונג איז נאָר זעלטן אַריינגעקומען צווישן חסידים, ביי וועמען דאָס וואָרט „שרייבער“ אָדער „משכיל“ זענען געווען שמות־נרדפים מיט „אפיקורוס“. פון וועלט־נייעס האָט מען מערסטנטיילס זיך דערוואוסט, ווען אַ סוחר איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע און צוזאַמען מיט זיין סחורה האָט ער אויך מיטגעבראַכט די וויכטיקסטע נייעס פון טאָג.

איך בין אַמאָל געקומען אין אַזאַ פאַרנאַכט אין שטיבל אַריין און האָב געטראָפן דעם עולם ביי אַ שטאַרקן שמועס און אין גרויס אויפרעגונג. אַלע האָבן גערעדט אָדער, בעסער געזאָגט, אַלע האָבן געשריגן און וויפיל, אַלס קינד, איך בין געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס איז געשען, האָב איך נאָר געקאָנט אויפכאַפּן די ווערטער: „מען האָט אים נעבעך געמסרט“. איך האָב שוין דאַן געוואוסט, אַז מסרן איז אַ שרעקליכע זאַך. אָבער ווער וועמען האָט איך נישט געקאָנט דערגיין. ביינאַכט האָב איך געפרעגט מיין פאָטער, וועמען האָט מען געמסרט? האָט ער געענטפערט — (דער ענטפער איז געווען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּטשעפּן פון מיר) — אַז רשעים און פושעים האָבן געמסרט אַ גרויסן רבין און ער קאָן נאָך, חלילה, באַקומען אַ גרויסע שטראָף. „נאָר וואָס גייט דאָס דיך אָן“, האָט ער צוגעגעבן, „גיב בעסער אַכטונג, אַז דו זאָלסט שבת קאָנען דעם חומש מיט רש“י און דעם שיעור גמרא!“ נאָך די ווערטער פון מיין פאָטער האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאַרגעסן (דעם פאַרנאַכט) און צו דערשטיקן מיין נייגעריקייט און אָנצוגיין, ווי געוועגליך מיט מיינע לימודים אין חדר.

אָבער עס האָט זיך מיר פיל שפּעטער געמאַכט אַ געלעגנהייט צו דערגיין די גאַנצע געשיכטע, און נאָך מער, פון איינעם, וואָס איז געווען די הויפּט פיגור אין דער דאָזיקער געשיכטע, כּמעט גאַנץ אומשולדיק.

דאָס איז געווען מיט צען אָדער צוועלף יאָר שפּעטער. איך האָב שוין געהאַט חתונה געהאַט און בין געווען פון די „אוכלי חמן“ ד.ה. געזעסן אויף קעסט ביים שווער. געפאָרן צום רבין בין איך, ווי דער מנהג איז געווען, איינמאָל אָדער צוויימאָל אין יאָר און אָבגעזעסן דאָרטן ביז פיר וואָכן צייט.

עס איז געווען בשעת מיין פאַרווײלן ביים רבין, איז אינמיטן אַ וואָך אָנגעקומען דער רב פון מיין שטאָדט צום רבין. און ווי דער רב איז אַריינ־



געקומען אין בית־מדרש נאָכן שלום־נעמען, האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, וואָס לויט זיין הלבשה האָט מען נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער איז אַ רב. מען האָט אים אָבער אויך נישט געקאָנט אָננעמען פאַר אַ געוועגליכן סוחר; מען האָט געקאָנט זען, אַז ער איז אַ פּערזענליכקייט און האָט געמאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק שוין מיט זיין הדרת־פּנים אַליין.

איך האָב באַמערקט, אַז ער וויל עפּעס רעדן מיט דעם רב ביחידות, אַזוי, אַז עס זאָל קיין זייטיקער מענטש נישט הערן. האָב איך מיך אָוועקגעדרעט אין אַ זייט און זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אַן ערך אַ שעה צייט.

דער רב האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז דער ייד איז געווען רב אין דעם שטעטל... וואו די מעשה איז געשען מיט דעם „נעבעך גע'מסר'טן רבין“ און אַז ער איז די הויפּט־פיגור אין דער געשיכטע. און אַזוויי וועגן דעם ענין זענען דאָ פאַרשידענע נוסחאות, האָט ער געבעטן דעם אורח, אַז ער זאָל אים דערציילן די גאַנצע מעשה. יענער האָט עס אָבער נישט געקאָנט טון אויפן אָרט, ווייל ער האָט געהאַט צו ערלעדיקן נייטיקע ענינים. דעריבער האָט דער ייד, דער געוועזענער רב, איינגעלאַדן אונזער רב צו זיך אויף דער סטאַנציע פאַרנאַכט, ווען ער וועט האָבן צייט גענוג אים אַלץ איבערצוגעבן; און אַזוויי יענער האָט מיך באַמערקט צוזאַמען מיט דעם רב, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער קאָן מיך אויך מיטנעמען. איך בין, פאַרשטייט זיך, מיטגעגאַנגען און אָט איז וואָס דער געוועזענער רב פון יענעם שטעטל האָט דערציילט:

„די שטאָדט, וואו איך האָב פאַרנומען די כסא־הרבנות, איז נישט זער גרויס. זי האָט אַן ערך זיבן הונדערט יידישע פאַמיליעס, כן ירבו. אַ גרויסער טייל זענען בעלי־בתים, וואָס דאַווענען אין דער שטאָדט־שוהל און אין די בתי־מדרשים; דער אַנדערער טייל זענען די, וואָס רופן זיך „חסידים“ און זיי דאַווענען אין די חסידישע שטיבלעך.

„איך האָב געלעבט נישט אומצופרידן מיט דער גאַנצער שטאָדט, סיי מיט די בעלי־בתים און סיי מיט די פאַרשידענע חסידים. איך האָב דערפילט מיינע פליכטן אויפן בעסטן אופן. איך האָב געזען, אַז די מוסדות פון שטאָדט זאָלן גוט געפלעגט ווערן. איך האָב דאָרט געפירט אַ שטיקל ישיבה, כּמעט נאָך „בזעיר אנפּין“, ד.ה. נאָר פאַר אַ פּאָר היימישע, גוטע בחורים. איך האָב מיט זיי געלערנט דריימאָל אַ וואָך אַ שיעור גמרא — ווי זאָגט מען — „בעיון ובפלפול“ און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די שטאָדט איז פון מיר אויך צופרידן....

„אַמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרייטאָג נאָכמיטאָג, קומט אַריין צו מיר אַ ייד אַן עובר אורח. נאָכן שלום־עליכם און אַ ביסל שמועסן ווער איך געוואָר, אַז ער בלייבט אין שטאָדט אויף שבת. האָב איך אים טאַקע איינגעלאַדן צו מיר אויף שבת און אפילו אויף נאַכטלעגער אויך. דער ייד האָט אַלץ גאַנץ גערן אָנגענומען.

„מאַכט זיך אָבער, אַז פרייטאָג־צו־נאַכט, שוין גאַנץ שפּעט, ווערט דער

ייד קראַנק, לאַ־עלינו. ער האָט געהאַט גרויסע בויך־שמערצן. איך האָב געשיקט רופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אים געגעבן געוויסע רפואות און עס איז אים אביסל לייכטער געוואָרן. ווען דער דאָקטאָר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער מיר אָנגעזאָגט וואָס איך זאָל טון אויב דער ווייטיק וועט זיך איבערחזרן. איך האָב געוואַכט איבער אים כמעט ביז טאָג. צומאָרגנס, שבת, איז אים שוין געווען בעסער. דאָך האָב איך אים געפּלעגט, געהאַלטן אים אַ גאַנצן טאָג אין שטוב. אַזוי, אַז זונטאָג איז ער שוין געווען פולשטענדיק געזונט. ער האָט געזאָגט, אַז ער בלייבט נאָך אַ פּאָר טאָג אין דער שטאָדט, ווייל ער האָט צו דערלעדיגן אייניקע ענינים אין שטאָדט און אין דער אַרומיקער געגנט. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז ער קאָן אַריינקומען צו מיר אפילו אין מיטן דער וואָך.

„אינצווישן מאַכט זיך, עס איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט אַ רבי מיט אַ גאָר גרויסן נאָמען. ער האָט געשמט אַלס אַ גרויסער פּועל ישועות און ספּעציעל אַלס אַ פּוקד־עקרות. (אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער אייגענער רבי איז אַליין געווען אַ חשוך־בנים, לאַ־עלינו). און אַזויווי צווישן יידן פעלן דאָך נישט אויס קיין ביטערע הערצער — איינער מיט פּרנסה, אַ צווייטער מיט אַ קראַנק ווייב און קינדער, אַ דריטער מיט געראָטענע טעכטער נאָר מיט ליידיקע קעשענעס א.א.וו. — איז מען געלאָפן צום רבין פון דער גאַנצער שטאָדט און פון דער אַרומיקער געגנט. מען האָט זיך געשטופּט צו קאָנען צוקומען צום רבין מיט די קוויטלעך און פּדיונות, אום אויסצובעטן ברכות און ישועות. דער אורח איז אַריינגעקומען צו מיר אין מיטן דער וואָך. איך האָב אים מכבד געווען מיט אַ נאַכט־מאָלצייט און ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פו די נסים ונפלאות, וואָס מען זעט און הערט ביים רבין....

„די זעלבע וואָך, אַרום דאָנערשטאָג אין מיטן טאָג, איז ווידער אַריינגעקומען דער זעלבער ייד — ער האָט זיך שוין געפילט ביי מיר גאַנץ היימיש — און אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז אַריינגעקומען אַ ייד פון אַ דערבייאיק שטעטדל מיט אַ שאלה. נאָכן דערליידיקן די שאלה, זענען מיר דריי נאָך געזעסן צוזאַמען און געשמועסט פאַרשידענס, ביז עס איז געקומען צורייד פון דעם רבין. און דאָ האָבן זיך ביידע צופלאַמט און דערציילט פון דעם רבינס גרויסקייט און געגעבן מיר אָנצוהערן, אַז איך וועל געווים אויך אַריינגיין צום רבין. איך, פון מיין זייט, האָב נאָכנישט אין דער מינוט געקאָנט אָפּמאַכן מיין מיינונג, האָב איך מיך געמאַכט ווי נישט הערנדיק און נאָך אַביסל מער שמועסן, זענען ביידע אורחים אַוועקגעגאַנגען....

„איך האָב דעם גאַנצן ענין נישט געהאַלטן פאַר זער וויכטיק, דאָך שפּעטער, פאַרנאַכט, ווען עס איז צו מיר געקומען אַ חשובער בעל־הבית פון שטאָדט, האָב איך מיט אים איבערגעשמועסט דעם ענין. איך האָב ערשט דעמלט איינגעזען, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט און ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם „סוד“, אַז אין טייל שטיבלעך האָט מען שוין גערעדט וועגן דעם, און די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז אַלס מרא־דאתרא דאַרף דער רבי קומען



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

צוערשט צו מיר מאַכן אַ וויזיט, אָבער ווען איך זאָל גיין פריער, וועט עס מאַכן אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק. אַ טייל האָבן זיך נאָך אויסגעדריקט, אַז ווען דאָס וואָלט געווען מיין אייגענער רבי, וואָס איך פאָר צו אים, וואָלט קיינער נישט געהאַט צו זאָגן דאָגעגן. אָבער אַזויווי דאָס איז נישט דער פאַל, דאַרף איך נישט גיין. איך בין נאָך געווען אַביסל מסופק, נאָר צום לעצט האָב איך אָפּגעמאַכט מיין מיינונג, אַז „שב ואל תעשה עדיף“ און אַזוי איז טאַקע ביי מיר געבליבן, אַז אי זאָל נישט גיין צום רבין.

„צומאָרגנס, פרייטאָג־צו־נאַכטס, זע איך דעם ערשטן ייד ביים דאַוונען אין דער שטאָדט־שוהל, וואו איך פלעג דאַוונען. נאָכן דאַוונען, ווען ער האָט מיר געזאָגט „גוט־שבת“, האָב איך אים ווידער פאַרבעטן צו זיין ביי מיר איבער שבת. ער האָט אָנגענומען. מיר האַלטן שוין אינמיטן סעודה און דער ייד ווערט אַלץ נישט מיד צו דערציילן מכוח דעם רבין און, ניט צו, אַז דאָנערשטאָג אינמיטן טאָג האָט דער רבי שוין געהאַט מער ווי טויזנט רובל ריינע הכנסה, און דאָ שטייען נאָך גאַנצע רייען מענטשן און וואַרטן, אַז זיי זאָלן קאָנען אַנקומען צו אים, יחית.

„האָב איך מיך אָנגערופן, אפילו אין אַ גאַנץ פריינדליכען טאָן: „צו אַלעם דאַרף מען האָבן הצלחה — הכל תלוי במזל; שוין באַלד אַ יאָר, ווי איך בעט ביי דער שטאָדט אַן ערך פינף הונדערט רובל, מען זאָל קאָנען פאַרריכטן די מקוה; איך וועק זיי אָפּט און גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַרבונדן מיט אַ חשש פון איסור כרת און עס איז אויך סכנת־נפשות, און דאָך האַלט איך נאָך גאַנץ ווייט. און דאָ פאַר'ן רבין איז דאָ איבער גענוג“...

„נאָך דער סעודה איז דער ייד אַוועקגעגאַנגען פון מיר, וואַרשיינלעך צום רבינס טיש און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען צו מיר. צומאָרגנס צו דער סעודה בין איך געווען אַביסל אומרוהיק, איך האָב מיך נאָכגעפרעגט און מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים געזען ביים רבינס טיש געזונט און פריילעך.

„נאָך שבת איז דער רבי אַוועקגעפאָרן און דעם ייד האָב איך שוין מער נישט געזען. ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו קומען זיך געזעגענען מיט מיר און זאָגן אַ זייט געזונט“. די שטאָדט איז געוואָרן ווידער רוהיק, נאָרמאַל, נאָך דעם רעש פון דער פאַריקער וואָך. איך האָב אויך שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין דער גאַנצער זאַך און האָב מיך ווייטער אָבגעגעבן מיט מיינע לימודים און פליכטן.

„אָבער עס זעט אויס, אַז דער אַנדערער צד האָט נישט פאַרגעסן. עס האָט נאָר גענומען אַ לאַנגן ישוב הדעת ביז מען האָט באַשלאָסן עפּעס טון, ווייל, ווי שוין באַמערקט, האָט זיך די געשיכטע אָנגעהויבן אין ווינטער און ערשט זומער איז אָנגעקומען אין רבינס קלויז פון מיין שטאָדט אַ פּיתקא (קוויטל), אין וועלכן עס איז נישט מער געשטאַנען ווי נאָר די זעקס ווערטער:

„בפקודת הסוחר לעשות נקם באיש הידוע“!

עס זענען אָפגעהאַלטן געוואָרן אַ פאָר געהיימע אסיפות וועגן דעם. וואָס מען מיינט מיט דעם וואָרט „נ ק ם“. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מען מיינט מיט דעם „מיתת חרב“, ווי עס שטייט אין פסוק — „חרב נוקמת נקם ברית“; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען מיינט נאָר בלינד מאַכן און האָבן געברענגט אַ ראיה פון דעם פסוק אין שופטים ט"ז, „ואנקמה נקם אחת משתי עיני מפלשתים“. אָבער פון די אַלע וויכוחים איז געבליבן — „ש ר פ ה“... מחמת דאָס האָט זיך אויסגעוויזן גרינגער אַדורכצופירן און עס האָט אויך די מעלה, וואָס די שפורן און חשדים וועלן שנעל פאַרניכטעט ווערן: און מען וועט נישט קאָנען דערגיין ווער די שולדיקע, די מתעסקים זענען געווען“...

ווען עס איז געקומען צו דעם דאָזיקן פונקט, איז דער חשובער, געוועזענער רב שטיל געוואָרן אַ קורצע ווײַלע און מען האָט געקאָנט באַמערקן ווי מיט דעם דערציילן לעבט ער נאָכאַמאָל איבער די פיינליכע מאָמענטן פון דער טרויעריקער געשיכטע.

„נאָר ווי עס איז באַוואוסט“, האָט ער פאָרטגעזעצט, „אַז דער בורא־עולם באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה, האָט זיך דאָס זעלבע אויך אָבגעשפיגלט ביי דער דאָזיקער געשיכטע. און דאָס גליק איז געווען, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן אַדורכצופירן די שענדליכע טאַט אַ דאָנערשטאָג ביינאַכט. נאָר לאָמיך דערציילן כסדר:

„מיין הויז איז געווען, ווי דאָס רוב הייזער פון שטאָט, געבויט פון האָלץ. האָבן זיי אין יענער נאַכט אויף אַ פאָר ערטער אַרומגעשמירט דאָס הויז מיט געריכטע סמאָלע, און ביי דער איינציקער אויסגאַנג־טיר האָבן זיי צוגעלעגט אַ פאָר שמאַטעס, וואָס זענען געווען גוט אָנגעזאָפט מיט נאַפט. אַזוי ווי דאָס הויז איז געווען גוט אויסגעטרוקנט פון דער זומערדיקער גרויסער היץ, איז נישט מער נויטיק געווען ווי דאָס איינציקע אָנגעצונדענע שוועבעלע, וואָס זיי האָבן צוגעלעגט צו די שמאַטעס און די טיר איז באַלד געשטאַנען איינגעהילט אין פלאַמען....

„האָ! דאָס איז געווען טייוולאָניש גענוי אויסגערעכנט. אָבער דאָ איז געשען אַ נ ס יענעם דאָנערשטאָג ביינאַכט. דאָס גאַנצע שטעדטל איז זיך געשלאָפן רוהיק און געמיטלעך נאָך אַ שווערן, הייסן אַרבעטס־טאָג. נאָר אין איין הויז איז מען נישט געשלאָפן. דער יידישער בעקער מיט זיינע אַרבעטער האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן חלות, קיכענס און די באַליבטע אייער־קיכלעך לכבוד שבת. ער האָט גראָד געוואוינט אין דער זעלבער גאַס, און אַזוי ווי עס איז אים זער הייס געוואָרן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אַביסל אין גאַס, כדי זיך אָפצוקילן. אָבער ווי ער האָט נאָר געעפנט די טיר, האָט ער דערזען דאָס פייער אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד, די אַרבעטער אין דער בעקעריי זענען באַלד אַריבערגעלאָפן צום ברענענדיקן הויז. אַזוי ווי דאָס פייער האָט געברענט אין פראָנט, ביי דער טיר, זענען זיי געלאָפן צו דער זייט פון הויז, וואו עס איז געווען אַ פענסטער און האָבן שטאַרק גע־



קלאַפט אין די לאָדענס אַז די מענטשן פון אינעווייניק זאָלן באַלד אַרויסלויפן דורך די פענסטער.

„אָבער צו זייער גרויסער שרעק האָבן זיי דערזען, אַז די לאָדנס זענען געווען צוגעשרויפט פון דרויסן, אַז עס איז געווען אוממעגלעך זיי אויפצורייסן מיט די הענט. דער בעקער האָט געשריגן צו אַן אַרבעטער, אַז ער זאָל לויפן נאָך דער האַק. עס האָט זיך אים אָבער אויסגעוויזן, אַז עס דויערט צו לאַנג אַז מענטשן קאָנען נאָך, חס־ושלום, פאַרברענט ווערן אָדער דערשטיקט ווערן. ער האָט געשריגן מיט איבערמענטשלעכע כחות און עס זענען זיך באַלד צוזאַמענגעלאָפן מער מענטשן, און מען האָט אויפגעריסן די לאָדנס און אויסגעהאַקט די שויבן.

„מיר אינעווייניק זענען אויפגעוועקט געוואָרן פון קלאַפן און האָבן זיך אויפגעכאַפט מיט אַ שרעקלעכן קאָפ־ווייטאָג. עס ווייזט אויס, אַז מיר האָבן שוין געהאַט אַריינגעאָטעמט אין זיך אַ שיינע פאַרציע רויך. אין ערשטן מאָמענט האָט מען נישט באַגריפן, וואָס עס קומט פאָר. נאָר באַלד האָב איך זיך געכאַפט, אַז עס איז עפעס שרעקליכעס. דער רויך האָט געשטיקט. מיין פרוי איז אויך אין דעם מאָמענט אויסגעקומען. און אַזוי ווי דאָס פענסטער איז געוואָרן אָפן, האָב איך איר געהאָלפן אַרויסקריכן. איך בין אויך שוין געווען גרייט אַרויסצושפרינגען, אָבער דאָ איז ווידער עפעס געשען....

„אַזוי ווי די מענטשן אין גאַס האָבן געהאָלפן מיין פרוי אַראָפ פון פענסטער, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געשריי: „חנהלע!“ און געפאַלן אין חלשות. (חנהלע איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן און האָט געדינט ביי אונז אַלס קעכין). דאָס איינציקע וואָרט האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין קאָפ, ווי אַ שרעקליכער דונער. איר שלאָף־צימערל איז געווען אין דער דריטער שטוב. איך רייס די טיר פון דער צווייטער שטוב און וויל אַדורכלויפן ביז צו דער דריטער, אָבער איך פאַל איבער עפעס מיטן גאַנצן אימפעט צו דער ערד.

„דער 'עפעס' איז טאַקע געווען דאָס מיידל חנהלע, וואָס איז געלעגן אין מיטן שטוב אָן אַ רוח־חיים. איך וויל זי אויפהייבן, זי אַרויסטראָגן, עס איז אוממעגלעך. איך בין שוין געווען אויסגעשעפט פון די כחות און האַלב דערשטיקט פון רויך; און דער פאַל האָט מיך אויך גוט צוקלאַפט. אָבער ווייזט אויס, אַז מיט איבערמענטשלעכע אָנגעשטרענגטע כחות האָב איך זי פאַרט דערשלעפט אין דער ערשטער שטוב אַריין, און עס האָט זיך נאָך אַרויסגעריסן פון מיין קעל אַ שרעקליכער קריי. — שרייען האָב איך שוין נישט געקאָנט.

„דרויסן אין גאַס האָט זיך שוין געטומלט. אַלע שכנים פון דער גאַס און אפילו פון די נאָענסטע גאַסן זענען געקומען צו לויפן ראַטעווען זייערע אייגענע און אויך דאָס ביסל אָרימקייט. וואָרום ביי אַזאַ שרפה ווערט אַ בהלה

און א מהומה פאַר פחד, אַז די גאַנצע שטאָדט זאָל חלילה נישט אַוועק מיטן פייער, ווי עס האָט זיך שוין געטראָפן. און פאַר מיין הויז זענען נאָר געבליבן געציילטע מענטשן און די צוויי נאַכט־וועכטערס. אָבער זיי אַלע האָבן מורא געהאַט צוצוגיין נאָנט צום הויז. עס איז שוין געווען איינגעהילט אין פלאַמען און ברענענדיקע שינדלען זענען געפלויגן אין אַלע זייטן. דאָ האָט זיך ווידער בעוויזן דער מלאך־מושיע אין דער געשטאַלט פון בעקער. ער האָט דערהערט מיין לעצטן געשריי און מיט א געוואַלדיקער מסירות־נפש איז ער אַריינגעשפרונגען אין, עס זעט אויס, אַז מיט זיין מיך אָנרירן, האָב איך צוריקגעקריגן אביסל כחות און אביסל פאַרשטאַנד. און מיר ביידע האָבן דאָס מיידל צוגעטראָגן צום פענסטער. איך האָב זי צוגעהאַלטן און דער בעקער איז אַרויסגעשפרונגען און אויף די פּלייצעס אַרויסגעכאַפּט דאָס מיידל. איך האָב מיך אויך באַלד אַריבערגעכאַפּט און בין געבליבן ליגן אומבאַוואוסטזיניק. נאָך דרויסן זענען שוין צוגעלאָפן מענטשן, איינער האָט פון זיך אַראָפּגעכאַפּט זיין קאַפּאָטע און מיך צוגעדעקט און מיך אַוועקגעטראָגן ערגיץ ווייטער פון דעם ברענענדיקן הויז. די פרישע מאָרגן־לופט האָט מיך געמאַכט קומען צום באַוואוסטזיין. איך בין געלעגן צוויי טאָג אין בעט. אַלע אברים האָבן מיר וויי־געטאָן און איך האָב מיך קוים געקאָנט באַוועגן. מיין פרוי איז נאָך א גוטן שלאָף פולשטענדיק געקומען צו זיך. נאָר דאָס מיידל איז געפערלעך קראַנק געוואָרן. די היץ איז ביי איר געווען איבער פערציג גראַד. דער דאָקטאָר איז געווען באַזאָרגט זי זאָל נישט באַקומען א מוח־ענטצינדונג. ער האָט אַרויסגערופן נאָך א דאָקטאָר פון דער שטאָדט דערנעבן. זיי זענען ביי איר געווען ביז ניין א זייגער ביינאַכט, ווען זי האָט אָנגעהויבן שלאָפן, זענען די דאָקטוירים אַוועקגעגאַנגען, אָנזאָגנדיק, אַז איינער מוז וואַכן איבער איר און אַכטונג געבן זי זאָל נישט אויפוועקן. זי איז אַזוי אָבגעשלאָפן ביז מאָרגן עלף א זייגער. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען און געזאָגט, אַז דער קריזיס איז אַריבער. און אין א וואָך אַדער צוויי אַרום איז זי געווען פולשטענדיק געזונט. און אַזוי האָבן מיר אַלע געדאַנקט השם יתברך, אַז עס האָט ח״ו נישט געשאַדט קיין נפשות. מיין הויז מיט אַלע, וואָס איז געווען אינעווייניק, איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. דעם שכנ׳ס הויז איז אויך אביסל געשעדיקט געוואָרן, אָבער מען האָט עס נאָך אָבגעראַטעוועט.

„און גלויבט מיר, בענדינער רב, איך בין געווען זער שען איינגעווירטשאַפט, מיט מעבל, מלבושים און וועש פאַר מיר און פאַר מיין פרוי, אויף א נגידישן אופן. איך האָב אויך געהאַט א שען ביסל זילבערנע כלים און מיין פרוי האָט געהאַט צירונג. עס איז פון אַלעם געוואָרן אַש. אָבער מער פון אַלעם קאָן איך נישט פאַרגעסן מיינע ספרים. זיי זענען געווען מיין אוצר פון קרוב צוויי טויזנט ספרים, און צווישן זיי א סך יקרי־המציאות, ווי אויך מיינע אייגענע כתבי־יד, וואָס איך האָב א סך יאָרן געאַרבעט איבער זיי. און דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן פייער. מען האָט נישט געקאָנט ראַטעווען דאָס מינדסטע.



לויט ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט און דער סופיט איז איינגעפאַלן אין דער שטוב. און מיר אַלע האָבן אָפּגעגעבן א שבח צום רבש״ע, אַז ער האָט מציל געווען נפשות.

„איך האַלט אויך פאַר א נס וואָס אַלץ איז געגאַנגען אַזוי בליץ־שנעל, אַז ביים ראַטעווען דאָס מיידל האָב איך נישט געהאַט קיין צייט צו זיין דאָס, וואָס די גמרא רופט: 'חסיד שוטה'....

„אין א פּאָר טעג שפּעטער, מיר האָבן זיך שוין געהאַט באַרוהיקט און די גאַנצע שטאָדט כמעט אַן אויסנאַם האָבן אונז געהאָלפן זיך ווידער איינצואָרדענען. אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות. די פּני פון דער שטאָדט האָבן שטאַרק מפצר געווען און געברענגט באַרגעלט טויזנט רובל און צוגעזאָגט נאָך טויזנט רובל צו געבן אין משך פון א יאָר, אָבער איך האָב שוין מיין באַשלוס ניש געוואָלט ענדערן. און איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך קאָן שוין איצט מאַכן די ברכה: 'שלא עשני אב״ד' *....

„און נאָך דעם ווי איך האָב דאָרט ערלעדיקט מיינע ענינים און אויך געזען, אַז די שטאָדט זאָל זיך פירן אין אָרדענונג ביז זיי וועלן נעמען א נייעם רב, האָב איך מיך געזעגנט מיט דער שטאָדט און צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. איך האָב צוזאַמען מיט א שותף געגרינדעט א שטיקל פאַבריקל און מיט השי״ת הילף איז עס אין א גוטן מצב און מיר האָפן, אַז ער וועט ווייטער העלפן.

„איך וועל אייך אויך שוין דערציילן דעם סוף פון דער געשיכטע. עס איז אַראָפּגעקומען פון דער גובערניע א שלעדאָוואַטעל מיט געהיים־פּאָליציי. עס האָט נישט לאַנג גענומען ביז מען האָט ענטדעקט די „מתעסקים״. אָבער די פּאָליציי איז נאָך נישט געווען צופרידן דערמיט. זיי האָבן ווייטער געזוכט און גענישטערט, אַזוי ווייט, אַז די פּיתקא, אין וועלכער עס איז געווען געשריבן: 'בפקודת הסוחר', איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט און זיי האָבן זיך גענומען צו פאַרפאָלגן די משרתים און יוצר־משרתים, און דעם רבין זעלבסט אויך... נאָך גרויסע אַרבעט און פּראָטעקציע און גרויסע געלט־קאָסטן איז געלונגען אויסצואַרבעטן פאַרן רבין א מילדן פּסק־דין, ד.ה., ער זאָל אָפּריכטן גלות פינף יאָר אין א פרעמד לאַנד. און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די געשיכטע פון דעם רבין, וואָס מען האָט אים 'נ ע ב ע ך נ ע מ ס ר ט'״...

* דאָס זענען די ראשי־תיבות, מיט וועלכע מען באַצייכנט א רב פון א שטאָדט: „אב בית־דין״. די דאָזיקע מליצה זאָגט מען נאָך פון ר' יעקב עמדין, ז״ל, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות. און דאָס איז ענליך צו דער ברכה, וואָס מען מאַכט אין דער פרי: „שלא עשני עבד״, מיט אַן עיין....

## יוסף הערמאַן

# ראָז בלאָ און וואַס

דאָס ליד האָב איך אָנגעשריבן אין וואַרשעווער דיאַלעקט
אַ יזכּור פֿון פּאַרביקן, כאָטש אָרעמען לעבן פֿון מיין טאַטן דוד שיסטער

דראַ קאָלירן,
ראָז, בלאָ און וואַס,
נייען פֿון דער פּאַלעטע,
אַראָס אַף דער גאַס.

אַלע דראַ אַביסל שכּור,
מיט אַ לידל אין די ציין,
זען זיי דעם שיסטערס שטיבל,
נייען זיי אַריין.

ראָז לייגט זיך אַף די ווענט,
ווערט מערער רוים,
בלאָ לייגט זיך אינם פֿענסטער,
ווערט ווי אין טרוים.

און די וואַסע קאָליר
טיט ווי זי פֿאַרשטיים,
לייגט זיך אָפּן שיסטערס טאָכטער,
ווי אַ חופּה־קלייד.

זיצט דער שיסטער און ראָבט די אויגן,
זיי זענען אַ ביסל נאַס,
נאָר אַ גליק איז האַנט צו אים,
ראָז בלאָ אין וואַס.

ראָזאַ, זענען זיינע אויגן,
ווי די ראָזאַ שטיב,
און די דינע ליפּן זינגען
אַ בלאָ, ווי ס׳פֿענסטער, ליד.

קימען טאָבן נאַגעריקע,
פֿון די זיניקע גאַס,
און זען ווי דער שיסטער שוועבט,
אין ראָז, בלאָ, און וואַס.



## לעאַ קעניג

# אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאַגער

2

און אלדד האָט אויפֿגעהויבן זיין שטימע....

עס רעדט זיך אַזוי „אלדד האָט אויפֿגעהויבן זיין שטימע“: אלדד הויבט קיינמאָל נישט אויף זיין שטימע. ער קען עס פּשוט נישט. וואָרום ווען אלדד קען רעדן וואָלט ער דאָך קיין אלדד נישט געווען....

מידד וועלכער איז יאָ אַ שטיקל רעדנער, זאָגט אַז זיין פֿריינד אלדד רעדט איבערהויפּט נישט: ער איז נור אַ זעער, אַ בעל חזיון — ער דערזעט פּלוצלונג עפּעס, אָדער אַ זעאונג פֿאַלט אויף אים, ציינד זיך פּלוצלונג אָן אין זיין מוח, הויבט ער אָן אַרויסזאָגן ווערטער, ווען ער איז צווישן איינענע. ווערטער וואָס זיינען אין דער אמתן נור אָנווייזונגען, אָנדייטונגען אויף די זעאונגען וואָס ער אַליין זעט ווי פֿאַרטיקע בילדער... און ווען איך בין נישט אינטערעסאַנטער פֿון מיין חבר אלדד, וואָלט איך געוואָרן זיין אהרן.

ס׳איז געווען דאָ אַנומלטן. מיר זיינען געזעסן ביי אַ גוטן פֿריינט און חבר אין אַטעליע, וואו מען קען אַ חוץ פֿיינער מאָדערנער קונסט געפֿינען אויך אַביסל רעאַליסטישע משקה....

מיר זיינען געווען אונרואיק, ווי מיר זיינען אַלע לעצטנס פֿון זינט ישׂראל איז געבוירן געוואָרן, אָדער איז נאָך אין „קינד־בעט“....

מידד וועלכער איז פּונקט דאָס מאָל נישט געווען (ווען ער איז גאָר אויפֿגערעגט גייט ער זען פּיקטשורס, און ס׳מוזן דווקא זיין די געוויינליכע, האַלב שונדיסטישע האָליוואוד פֿילמען) האָט דאַכט זיך דאָ אַנומעלטן זייער רעאַליסטיש באַצייכנט די שטימונג אין וועלכער מיר אַלע געפֿינען זיך אַצינד:

„מיר, דער גלות, די דיאַספּאָראַ, אָדער רופֿט עס ווי איר ווילט, פֿילן זיך איצט ווי אַ יונגער טאַטע, וואָס וואַרט אויף נייס! אין אַ שפּיטאָל וואו זיין וויב גייט צו קינד... ער קען נישט איינזיצן, ער קען נישט איינשטיין, ער קען נישט קלערן וועגן זיינע געשעפֿטן... זיינע אויגן ווי מזוזות זיינען אָנגעקלאַפּט אויף דער ווייטער טיר... אָט אָט וועט דער דאָקטאָר אָדער די שוועסטער אַרויסקומען מיט דער גוטער בשׂורה... ער איז געוואָרן אַ טאַטע פֿון אַ איינן קינד... זיין גאַנץ לעבן וועט ווערן אַנדערש...

אַזוי זיינען מיר אַצינד... מיר קענען פֿון עפּעס אַנדערש נישט קלערן אפֿילו ריכטיק, כאָטש אויטאָמאַטיש גיין מיר אָן מיט אונזערע געוויינליכע, נאָרמאַלע פּראָבלעמען און דאגות ווי יידישע קולטור. שארית הפליטה. אַנטיסעמעטיזם. יידישקייט“...

אַלעמען איז געפֿעלן געוואָרן מידדס משל. נור אלדד האָט, ווי זיין שטייגער איז, אים געמוזט פֿאַריכטן:

„דיין ׳ווי אַ יונגער טאַטע׳, געפֿעלט מיר נישט. אַז דו ביזט שוין יאָ רעאַליסטיש זיי רעאַליסטיש; עס וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן אַז דער גלות

וואַרט איצט אויף אַ „בן זקונים“... אין דעם פּרט איז אברהם איצט דער פּראָטאָטיפּ פון אונזער פאָלק... דער אַלטער קראַנקער און צובראָכענער ישראל, וואַרט אויף אַ יונגען ישראל... דער נס געשעט... און דערפאַר איז אונזער איופרעגונג און אונזער אַנגסט נאָך פיל גרעסער ווי בײַ אַ „יונגען טאַטן“... יונגע פעלקער און מלוכות ווערן געבוירן נאַטירלעך, כמעט ווי שפּילעוודיק... אָבער די אַנגסטן ערב אַ בן זקונים זײַנען אונגעהויערע, ווײַל די לעצטע לעבנס כוחות זײַנען אײַנגעשטעלט... דער צוויי טויזנט יעריקער גלות וואַרט איצט אויף אַ בן זקונים... אויף אַ „קדיש“ ווי מען זאָגט בײַ אונז ייִדן...“

אונז אַלעמען, געדיינק איך, איז עפּעס מאָדנע אומעטיק און קאַלעמוטנע געוואָרן אויף די הערצער פון דער לעצטער קאָמענטאַר אלדדס צו מידרש משל.

און אלדד האָט זיך טאַקע באַלד אויפגעשטעלט און ווי צו זיך, אינספּירירט, אַ זאָג געטון, שאָקלענדיק מיטן ווייז־פינגער:

„איר ווייסט וואָס ס׳קומט איצט פאָר, דער צוויי טויזנט יעריקער גלות אונזערער וואַרט איצט און האָפט אויף אַ קדיש... אויף אַ לעבעדיקן קדיש און ניט קיין קדיש דרבנן... וואָס פאַרא כוח, וויטאַליטעט און וואָס פאַרא גלויבן האָט אונזער גלות, ווען ער גלויבט נאָך אַז פון אים — פון זײַנע לענדן און זײַן דיך — קען נאָך אַ לעבעדיקער יורש און קדיש — ישראל — געבוירן ווערן... און ווען? — נאָך דעם לעצטן חורבן גלות...

ער האָט זײַנע מוראדיקע רייד דעמאָלט ניט געענדיקט, אָבער איך קען מײַן אלדדן און איך פיל אַז בײַ אים פּלאָנטערט זיך שוין אין קאָפּ אַ נײַע פּראָבלעמע, אַ נײַע נבואה: „ישראל זאָגט קדיש נאָכן גלות“. . . .

איך ווייס אַז ער וועט נאָך רעדן דערפון, ווײַל דאָס מוטשעט אים... (איך האָב עס דערקנעט אין זײַן דראָענדיקן ווייז־פינגער). דערפאַר אויך בין איך געווען אַזוי איבעראַשט, ווען ער האָט דאָס מאָל „אויפגעהויבן זײַן שטימע“ און גאָר פון עפּעס אַנדערש גערעדט.

— איר טרינקט דאָך עפּעס גאָרנישט — האָט אים אונזער פרײַנט און חבר אַ מונטער געטון, אַנטפּלענדיק זײַן גלעזל. . . .

— איך טרינק ניט... — האָט זיך אלדד געוואונדערט ווי, ער וואָלט נאָר קיין הינגער ניט געווען נור ערגעץ פון אַנדערע עולמות געקומען.

ער האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל, זיך פאַרקרימט, און זיך פּלוצלונג צולאַכט. . . .

...„איך וואָלט שוין געוואָלט עלטער ווערן אַ פּאָר יאָר — אויב ס׳וועט דערווײַלע ניט זײַן אַ אַטאָמישע קריג — און זען ווי מיר זיצן דאָ און לייענען באַריכטן פון די פּאַרלאַמענטאַרע זיצונגען אין ישראל... און ס׳וועט זײַן אַזוי קאָמיש און פאַנטאַסטיש צו לייענען די רעדעס פון די אַראַבישע דעפּוטאַטן אינם ישראל פּאַרלאַמענט.... און אין אַ בעסערן, עכטערן העבּרעאיש ווי אַ סך פון די אַלטע וועטעראַנען דעפּוטאַטן און שטאַטסלײַט, וואָס האָבן געבויט די מלוכה ישראל. אפילו בעסער פון די סאַבראַ־דעפּוטאַטן... איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי עבט, פראַכטפול עס וועט קלינגען דער העבּרעאיש אין די מײַלער פון די אַראַבישע דעפּוטאַטן וועלכע וועלן פאַרטרעטן די אַראַבישע מינדערהייט אין דער ייִדישער מלוכה... יעדעס וואָרט וועט זײַן ווי אַ צייטיקע פלוים אין די מײַלער פון די אַראַבישע ישראלים... און די גרויסע מערהייט פון אונזערע ישראלים־דעפּוטאַטן, געבוירענע און קינדער פון די אַמאָליקע אַשכנזישע גלות־ייִדן, וואָס וועלן נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן פרײַ זײַן פון זייער אַשכנזישן אייראָפּעאישן אַקצענט און סטיל, וועלן ניט אָן אַ ויחר מסתמא זיך צוהערן צו די רעדס פון זייערע נאַטוראַליזירטע מיטבירגער.

איר קענט זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַרגעניגן מיר, די פּאָר לעצטע נאַציאָנאַליסטן אין גלות, וועלן לייענען די רעדעס, און הערן זיי, ווען מיר וועלן ווי טוריסטן זיצן אין דער גאַלערי פון דעם פּאַרלאַמענט פון ישראל אין תל־אביב, אָדער אפשר טאַקע סוף כל סוף אין ירושלים — די הויפּט־שטאָדט פון ישראל.

אונזערע מערהייט ישראלים וועלן זיך צוהערן צו די רעדעס פון די אַראַבישע ישראלים אָט אַ שטייגער ווי די אַשכנזישע ייִדן אין גלות, וואָס רעדן לשון קודש ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן גערעדט און געדאַווענט, הערן דעם העבּרעאיש מיט דער ספרדישער עברה פון די היינטיקע בויער און העלדישע קעמפער פאַר ישראל: ס׳איז עפּעס אי פרעמד, אי היימיש...

אַ שטיקל פאַרגעשמאַק פון דעם וואָס איך שטעל זיך פאָר קען נאָך קומען — האָט אלדד צוגעגעבן, ווען ער האָט באַמערקט ווי מיר קוקן אויף אים ווי ער וואָלט עפּעס גערעדט פון ווען, — האָב איך דערפילט דאָ בײַ אונז, ווען די ייִדישע און אַראַבישע עדות זײַנען אויפגעטראָטן פאַר דער אַמעריקאַנער־ענגלישער קאָמיסיע... איך האָב געהערט און געקוקט אויף די ייִדישע און אַראַבישע עדות און איך האָב זיך ניט ווילנדיק געפרעגט ווער פון זיי איז סעמיטישער אין אויסזען און אין אויסשפּראַך. . . .

אָט דער קאָנפליקט צווישן סעמיטיזם און אייראָפּעאיזם, אָדער אין אַ קלענערער מאָס צווישן העבּרעאיזם און „זשאַרגאָניזם“ וועט זײַן אפשר איינער פון די וויכטיקסטע (פּסיכאָלאָגיש און ניט פּאָליטיש) אין ישראל די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר... וועט ישראל אייראָפּעאיזירן דעם מזרח, ד.ה. אַלע ארומיקע אַראַבישע מלוכות, אָדער וועט אין ישראל אויפקומען אַ נײַ מזרח פאָלק, אַ ישראל אשר לא ידע את יוסף. . . .

מײַנע פרײַנט, האָט אלדד געענדיקט אויף זײַן כבד־פּה שטייגער, מיר ווייסן גאָרניט וואָס פאַראַ וואונדערבאַרע האָריזאָנטן און פּערספּעקטיוון די יונגע מלוכה ישראל קען עס צועפענען פאַר אונז און דער וועלט... די „גרויסע מעכטע“ אין זייער נאַריש־קורצזיכטיקער שפּיל פון אינטערעסן און אַמביציעס זאָלן נור די יונגע מלוכה ניט צושטערן נאָך פאַר איר צובליִען און פולער אַנטוויקלונג... מײַנע פרײַנט, מיר קענען גאָרנישט פאָרשטעלן זיך וואָס פאַראַ אונגעהויער שווערע און וואונדערליכע פּראָבלעמען מיר נעמען איצט אויף באַהבה... און דאָך זאָג איך: גענוג גלות, דער גלות פאַרניכטעט זיך אַליין. לעבן זאָל ישראל.

# רחל ה. קאָרן

## אַלטע פֿרויען קויפֿן בלומען

זיי קלויבן לאַנג ביי די פּאַרקויפֿערינס די בלומען,
זיי בויגן זיך אַריבער איבער יעדער קנאָספּ און בלאַט,
ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ אין אָט די געלע הערצאַלעך געלעגן
אַ פֿאַריאָרטע שוין, פֿאַרבאָרגענע פֿאַרראַט.

זיי גלויבן, ווי זיי וואָלטן זיך גערינגען מיטן גורל
און אויף אַ רגע ווערט דער בליק פֿאַרשלייערט, מאַט און ווייך,
ווייל אָט די פֿאַרב דאַרף אויפֿוועקן אַ לאַנג פֿאַרגעסענעם טרוים
און עפּעס מוז אויפֿסניי באַגראָבן יענער ריח.

אין זייערע אויסגעקרימטע און צעקנייטשטע פֿינגער
ווערן די שענסטע בלומען מיד מיט שפּעטן־זומער טרויער,
גלייך ס׳וואָלט זיי אויפֿגענומען ביי די פֿאַרוועלקטע הענט,
ווי אַ משכּן, אַ פֿאַרזעצטן, דער בית־עלמין טויער.

דאַן פּוצן זיי זיך אויס אין זייער בעסטער טראַכט,
ווי צו געפֿעלן יענעם בערגל ערד, דעם גוט באַקאַנטן היכל,
און גייען מיט די בלומען אין די הענט אַהין, ווו ס׳דאַכט זיך זיי,
אַז עמיץ וואַרט נאָך אַלץ אויף זיי, אויף זיי און זייער שמייכל.

שטאָקהאָלם, אויגוסט 1947

## רחל קאָרן

(צו איר באַזוך דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן)

אונזער דור האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע אויפֿגאַבע: צו מאַכן פֿון דער „סאַבע" אַ „מזל ברכה" — פֿון די „חובבים" צו מאַכן חלוצים און פֿון די ראָמאַנטישע פּאָעזיע אונזערע צו מאַכן ערדישע ליריק! עס איז געווען אַ צוויייאיקע און גרויסע אויפֿגאַבע און איינס אָן אַנדערן וואָלט אונז נישט גע־ווען געלונגען; אָדער זיי וואָלטן ביידע געוועזן נאָכגעמאַכט, נישט יידיש.

אַ טעמפּל פֿון קונסט וואָלטן מיר אפשר געקאָנט צוזאַמענשטעלן און אויפֿשטעלן, האָט דאָך נאָך שלמה המלך גענומען דאָס מאַטעריאַל פֿאַרן בית המקדש פֿון אַנדערע לענדער! אָבער וואָס איז אַ גאַנצער טעמפּל פֿון גאָלד און פֿון זילבער, אָן דעם מזבח פֿון ערד וואָס שטייט אינעווייניק? און ביים דעם שטייט דאָך בפֿירוש: „מזבח אדמה תעשה לך".



רחל קאָרנס געלונגענערע לידער געהערן צום ביישטייער פֿון אונזער דור, צום פֿעריאָד פֿאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. צום פֿעריאָד, ווען אונזער מאָדערנע דיכטונג איז געוואָרן גאַנץ אונזער אייגן; ווען מיר האָבן אָנגע־הויבן צעטרעטן און אויסצוקנעטן די ערד מיט אונזערע נאַקעטע פֿיס, זי צו באַאַרבעטן מיטן שווייס פֿון אונזער פּנים.

אַזאַ ערד קאָן מען פֿון אונטער די פֿיס נישט אָוועקנעמען, ווייל מען טראָגט זי אין די טאָרבעלעך פֿון די הערצער, אויף אַזאַ ערד גייט אויף די זריעה מיט מזל ברכה, אינם ווינקעלדיקן שעפּטשענדיקן קאָרן בליט אויף די וואונ־דערלעכע „מאָן־בלומען"! עס איז האָראָפּאַשנע ערד וואו דער מענטש צומאָל ווערט אויסגעקנעטן בצלם אדמה.

אין אירע נייע לידער — וועלכע רחל קאָרן האָט אויף איר דורכרייזע קיין אַמעריקע, דאָ אין לאָנדאָן געלייענט אויפֿן „שבת נאָכמיטאָג" — זיינען פֿיין ארומגעטעסעטע רעמבעס. ארויסגעוואַקסענע פֿון איר אייגן שטיקל ערד, — פֿון יענעם חלקל פֿון „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא!" — געטעסעטע שוועלן וואָס פֿירן אַרויף צו אונזער אַלעמענס מזבח —

אַז איניקע כאַטש זיינען אונז איבערגעבליבן פֿון דעם גרויסן דור אונ־זערן, פֿון וועלכן אַזויפֿיל טייערע קרבנות ס׳זיינען אונז צוגענומען געוואָרן — דאָס איז אונזער שטיקעלע טרייסט.

אויפֿן ליטעראַרישן אָוונט און באַנקעט וואָס „פֿריינט פֿון יידיש לשון" האָבן פֿאַר רחל קאָרן איינגעאָרדנט האָבן זיך באַטייליקט מיט באַגייסטערטע באַגריסונגען די שרייבער און קולטור־טוער משה עובד, א. מ. פֿוקס, מ. סידאַ, י. א. ליסקי, עלעק וואַטערמאַן, דער אַקטיאָר יצחק קרעלמאַן, דוד זיידענ־פֿעלד, י. ביעטש, אליהו פּאַלושאַק, מאיר גיסענבוים, דער שרייבער פֿון די שורות א.א.

דער אָוונט איז געווען אַ געהויבענער; דער עולם האָט וואַרעם אויפֿ־גענומען די לידער וואָס די דיכטערין האָט פֿאָרגעלייענט און דאָס דערציילן פֿון אירע וואָגלענישן איבער אַ האַלבער וועלט.

מיר ווינטשן דער דיכטערין מזל ברכה אין איר ווייטערדיקער אַרבעט, און זי זאָל שוין געפֿינען אַ מקום מנוחה אין איר נייער היים ווו זי פֿאָרט אַהין מיט איר טאָכטער און איידעם.

## יאַנקל אַדלער

(צו זיין אויסשטעלונג אין דער גימפּל גאַלעריע)

איך וויל נישט דאָ נאָכאַמאָל אָנהויבן איבער יאַנקל אַדלערס יוגנט פּע־ריאָד, זיין עפּיש געזונטער אָנהויב מיט די באַלעטער מוידן, מיט די צעבראָס־טעטע לאָדזשער יידן, — די אויפֿגעוויורענע לייבער און שפּע איבערפֿלוס וואָס וואַקס איבער די אויפֿגעפּלאַצטע קליידער, פּונקט אַזוי אויך די חושימדיק

פלאסטישע פארעם פון זיין שפעדיקן שאפן; אדלערס אש־ווייסנבערג פעריאד פון טאטעס מיט בנים און יאטישע טעכטער. —

איך מוז זיך אויך נישט ערשט ווידער איבערצייגן און זיך גריבלען אין אדלערס שווערן גערענגל, איבערצוקומען די אלע קוביסטישע איינפלוסן פון פיקאסא בראק און קלע. איך וויל דא נאר אויפצייכענען א פאר שורות פון מיין איינדרוק זעענדיק היינטיקן חודש זיינע לעצטע ארבעטן אויף זיין אויסשטעלונג אין דער גימפל גאלעריע.

יאנקל אדלערס לעצטע בילדער געהערן אן שום ספק צו די שפיצן פון דער מאדערנער יידישער קונסט — פון אונזערע דערגרייכונגען אצינד! זייער שטארקייט איז, דאס מעמקים'דיקע צו וועלכן ער האט זיך דערגריבלט און איז צוגעקומען. א סך נסיונות און לייטערונגען מוז מען אדורכגיין, לבוש נאך לבוש פון גוף אראפווארפן, כדי אזא סגופים־נאקעטער ריינער פארעם צו דערגרייכן, כדי צו צוקומען צו יענער גרענעץ וואו פארעם און אינהאלט באגעגענען זיך, וואו הימל און ערד לעזן זיך אויף אין פארביקער האריזאנטאלער אטמאספערע.

נישט אן געפארן און שטרויכלונגען גייט מען אזא וועג — פאר אזא לויטערער פיינקייט. ווערט געפאר מאניעריזם, די אויספירלעכע טעכניק קאן זיך שטעלן ווי א ביינדל אין האלדז — — — אבער אדלער, דער עפיקער, דער בעל־שכל, נעמענדיק יעדן חפץ אויף זיין איינענע משקולת, ווענט אפ יעדן עק און יעדן פלעק אויף זיין האריזאנטאל באלאנסירנדיקער וואסער־וואג, און יעדער ווינקל ווערט געניי אויסגעמאסטן מיטן דריי־עק — און וואלט עס אויף א האר נישט געשטימט וואלט דאך דער גאנצער געפלאנטער געבוי איינגעפאלן! עס האט לאנגע יארן געמוזט נעמען אזא פרעציזקייט צו קענען דערגרייכן.

אויב די גרויסקייט פון מארק שאגאל איז די ליריש־קינדלערע פאנטאזיע — די אייביקע קאנטיניואיטעט אויפצונעמען די וועלט מיט די מענטשלעך פון זיי אויגן, מיט פענזלען אין זייערע הענט מאלן זיי אים אויס א וואונדערלעכע וועלט! איז יאנקל אדלערס שטארקייט דוקא אט די שכלדיקע זאכלעכקייט פון „בונה עולמות". אט די מענלעכע־עפישקייט, די אומרואיקע בארואיקטקייט, וועלכע פירט אים צו אלץ נייע דערגרייכונגען.

יאנקל אדלערס וויכטיקע דערגרייכונג יעצט איז, וואס די אש־ווייסענבערגישע רעאליסטישע־מאנומענטאלקייט און די אזוי פיין ארומגעשליפטע בראק־פיקאסאשע טעכניק לעזט זיך אויף אין עפיש פארביקער רואיקייט; אלע פארמען און טעמעס ווערן שטיל און פארטיפט און נייען אריין אין זיך מיט פארטראכט געמאסטענע טריט; יעדע הארטע רעליעפע עקיקייט און פלעכיקע פלעקיקייט לעזט אויף איר געצייכנט מרה־שחורהדיקן שאטן און זייענען זיך פריידיק מזווג און שמעלצן זיך פארדבקט צעניוף אין בלוילעך־סמוטנע בין־השמשות־קאלירן.

ש.



ס. טייף (מאסקווע)

# דער וועג פון א יידישן קינסטלער

איך זיץ מיט זרח אזגורן אויף א מאסקווער בולוואר. א ווארעמער אוונט.

— אט מאקע איצט — זאגט ער צו מיר, — ווען די סאוויעטישע רעגירונג האט אזוי הויך אפגעשאצט מיין שעפערישע ארבעט און צום צווייטן מאל מיר באלוינט מיטן טיטל לאורעאט פון דער סטאלין־פרעמיע, דערמאן איך זיך ווידעראמאל פרצעס פרעכטיקע דערציילונג „א יינגעלע". דו געדענקסט? צוויי זאכן האט זיך אים געוואלט, דעם יינגל, — פון זיין טאטן אויף דער ערד — נאר א גרינגע ציבעלקע און פון פאטער אין הימל, פון גאט — משיח זאל קומען.

מיין פאטער, א פשוטער פורמאן פון וויטעבסק, האט נאך אפילו אין די עלטערע יארן געחלומט וועגן די צוויי זאכן, וועגן אן איבעריקער ציבעלקע און וועגן משיחן.

ער שטייט פאר מיר ווי א לעבעדיקער: א פעסטער מיטלוווקסיקער ייד מיט געדיכטע שטעכיקע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס בליצן ארויס א פאר טונקל־גרויע, קלוגע, לעבעדיקע אויגן. איינמאל אין א ווינטער באגינען האט ער מיך אפגעפירט צום זיידן, א קילאמעטער 12 פון וויטעבסק, אין א קליינדערפל. דארטן האט דער זיידע געהאט א שטיקל נחלה, א בהמה און דארט האב איך געלעבט פראנק און פריי.

דא, אינעם דערפל מאשארע, — האט דער צוקונפטיקער סקולפטאר און דעפוטאט פון אויבערסאוויעט פון ווייסרוסלאנד, דאס ערשטע מאל דערפילט די נאטור. דעם שפילן באגינען און די אוונטיקע דעמערונג.

דער זיידע — א שטילער הארעפאשנער דארפישער ייד — פלעגט מיט אים פון צייט צו צייט לערנען חומש און תנ"ך און קיינמאל נישט שטערן דעם איינקל פארנעמען זיך מיט זיין באליבטער שפיל — קלעפן פון ליים פערדעלעך, הינטעלעך און שעפסעלעך.

דא אינעם דערפעלע איז טיף אין זיין נשמה אריין די הארציקע שטילע ליד פונעם ווייסרוס. און ווי זיין זיידע, זיין פאטער, אזוי איז אויך ער פארליבן ענג און ארגאניש פארבונדן מיט זיין טייערער היים, מיט דער סאוועטישער ווייסרוסלאנד, מיט איר געשיכטע און קולטור. ער איז געווארן איינער פון אירע בעסטע באזינגער אין דער פלאסטישער קונסט.

ביז איצט געדענקט אזגור דעם אלטן פויער פונעם דערפל מאשערע, זייער שכן דמיטראק יאראמינעק. דער שכן און דער זיידע זיינען געווען די ערשטע מבינים פון זיינע קינדערשע ארבעטן.

איינמאל האט דאס יינגל אויסגעקלעפט פון ליים אן אלטיטשקן.

— דאס ביסטו, דעדיוסע! דער אלטער האט באקוקט די קינדערשע סקולפטור און זיך צעלאכט:

— איי, דו, יוגאַן! יוגאַן! האָט דער פּויער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דאָס דאָזיקע וואָרט.

זרח האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס רופֿט ער אים יוגאַן....

און דער אַלטער ווייסרוס האָט אים דערציילט:

— מיט יאָרן צוריק האָט געלעבט איינער אַ פּויער. יוגאַן האָט מען אים גערופֿן. ער איז געווען אַ וואַלד־שומר. אויף גאַנצע וואָכן פֿלעגט ער ערגעץ נעלם ווערן. מ'האָט דערציילט, אַז ער פֿאַרנעמט זיך אין וואַלד מיט מאָדנע טשיקאַווע זאַכן: ער שניידט אויס פֿון האָלץ מענטשלעכע קעפּ.

איינמאָל איז דער הינער פּריץ אַוועק מיט זיינע פֿריינט אויף יאַגד אומגעריכט האָט דער פּריץ דערזען, ווי אויף די צווייגן הענגען מענטשלעכע קעפּ מיט אויגן, נעזער, מיילער, פֿריילעכע, שמייכלענדיקע און טרויעריקע. ממש לעבעדיקע קעפּ! איז דער פּריץ אַזש ווייס געוואָרן פֿון שרעק. אַ געחלשטן האָט מען אים אָפּגעפֿירט אַהיים. נו, און וועגן יוגאַנען פֿרעגט שוין נישט... מען האָט אים געבראַכט אַ געבונדענעם צום פּריץ און צוויי געזונטע הײַדוקעס האָבן אים אין שטאַל דערלאַנגט פֿופֿציק שמיץ מיט אַ בלייענער נאַהייקע. דער אַלטער יוגאַן האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן.

צו דרייצן יאָר פֿירט אים דער פֿאָטער אַוועק צום וויטעבסקער איינוואוינער פֿאָטאָפּענקאָ, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט טעלער, טעפּ, קריגלעך און פֿאַרשיידענע אַנדערע געשירן.

אַ גוטער מייסטער און בטבע אַ ליבער מענטש, האָט פֿאָטאָפּענקאָ גלייך דערפֿילט, אַז ער האָט צו טאָן מיט נאָר אַ פֿעיִקן שילער. די לײַמענע קאָלירטע ציגעלעך, פֿייפֿעלעך, וואָס דער קליינער זרח פֿלעגט אויסקלעפּן, האָט מען אויפֿן מאַרק געכאַפּט פֿון די הענט. דער אַלטער מייסטער פֿלעגט אומעטום רימען די פֿעיִקייטן פֿון זיין שילער.

איינמאָל איז אין פֿאָטאָפּענקאָס וואַרשטאַט אַרײַנגעקומען דער שילער פֿון באַוואוסטן וויטעבסקער מאָלער יעהודע פּען — א. ראַבושקין. דערזעענדיק פֿאַרשיידענע פֿיגורן, וואָס דער קליינער סקולפּטאָר פֿלעגט אויסקלעפּן אין דער פֿרייער צייט, האָט ער אים געבעטן קומען צו יהודה פּען.

אויף מאָרגן פֿרי איז אזגור געקומען צום באַרימטן מאָלער מיט עטלעכע פֿיגורן. דער אַלטער, גוטהאַרציקער מייסטער, האָט אים זער וואַרעם באַגעגנט, געלויבט אייניקע אַרבעטן, אָנגעוויזן פֿעלערן. און פֿון יענעם פֿרימאָרגן הייבט זיך אָן פֿאַר אזגורן דער ווירקלעכער ערשטער קאַפּיטל פֿון זיין לעבן אַלס קינסטלער. יהודה פּען האָט אים געעצהט פֿאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט און נעמען זיך לערנען.

אין אַ צייט אַרום קומט אָן זרח אזגור אין וויטעבסקער מלוכהן קינסטלערישן טעכניקום. און דאָ, אין דער סאָוועטישער שול, הייבט זיך אָן דער גליקלעכער וועג פֿון דעם פּשוטן יידישן פֿלאַקס־יינגל.

ער שלינגט ביכער און פֿאַרנעדענקט כמעט אויף אויסווייניק אַלע לעקציעס. ער ווערט דער בעסטער תּלמיד. די לערער זיינען פֿון אים באַגייסטערט.



און אין דריי חדשים אַרום שטעלט ער שוין אַרויס זיינע ערשטע אַרבעטן. זיין ערשטע אַרבעט איז געווען: דער אַלטער טאַטע שלאָפֿט האַלטנדיק די בייטש אין האַנט אַזוי ווי ער איז טאַקע געשטאָרבן, דער אַלטער פֿורמאַן. און די צווייטע אַרבעט:

יוגאַן!

דער פּויער יוגאַן ליגט אויף דר'ערד און אַ געזונטער הײַדוק שמייסט אים.

זיין ערשטער לערער, דער באַוואוסטער ווייסרוסישער סקולפּטאָר קערזין האָט גלייך דערפֿילט די גרויסע קראַפֿט, וואָס איז פֿאַרבאָרגן אינעם יונגן סטודענט.

זומער־צייט, ווען די סטודענטן צעפֿאָרן זיך אַהיים, האָט זיך אזגור נישט געשיידט מיטן וואַרשטאַט פֿונעם אינסטיטוט און פֿאַר די זומער־חדשים האָט ער אויסגעקלעפּט פֿערצן פֿאַרשיידענע פּאָרטרעטן.

דער געווירשנטער געפֿיל פֿון מי, אין באַ אים פֿאַרבליבן אויף שטענדיק. ער האָט נאָך דעמלט, אפֿשר נישט אַזוי מיטן באַוואוסטזיין, ווי אינטויטיוו פֿאַרשטאַנען, אַז קונסט דאָס איז נישט נאָר הוילע רוחנות, דאָס איז איינגעשפּאַרטע מי.

אין די וויטעבסקער קינסטלערישע קרייזן ווערט ער אינגיכן באַרימט ווי אַ טאַלאַנטפֿולער סקולפּטאָר. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט אים איינגעלאָדן דער בילדונגס־מיניסטעריום פֿון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק קיין מינסק אויסקלעפּן דעם פּאָרטרעט פֿון דיכטער יאַנקאַ קופּאַלאַ.

העכער צוויי חדשים האָט אזגור געלעבט באַ יאַנקאַ קופּאַלאַ. דער ווייסרוסישער דיכטער האָט זיך שטאַרק באַפֿרײַנדט מיטן יונגן סקולפּטאָר. ער האָט אים באַקאַנט מיט די בעסטע פֿאַרשטייער פֿון דער ווייסרוסישער ליטעראַטור און קונסט. און אזגור שאַפֿט אַ ריי אינטערעסאַנטע פּלאַסטישע פּאָרטרעטן פֿון די ווייסרוסישע שרייבער קאָלאָס, ביאַרולאַ, טשאָרני און אַנדערע.

פֿאַרענדיקט דעם וויטעבסקער טעכניקום פֿאָרט אַוועק אזגור אין לענינגראַד און קומט אָן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. דאָ באַקאַנט זיך אזגור מיט די אוצרות פֿון דער רוסישער קונסט. אזגור מאַכט אַ רייזע איבער גרוזיע, אַזערבײַדזשאַן, אַרמעניע. ער באַקאַנט זיך מיט די בעסטע מייסטער, באַזוכט די מוזעאומס, וואו עס זיינען צונויפֿגעזאַמלט די בעסטע מוסטערן פֿון דער קולטור. ער קוקט זיך איין, ער לערנט זיך און פֿאָרשט.

נאָר וואו ער זאָל נישט זיין, וואוהין ער זאָל נישט פֿאָרן, ציט אים צו זיין ליבער אַלטער היים, צו ווייסרוסלאַנד, און ער באַזעצט זיך אויף שטענדיק אין מינסק.

פֿונעם מינסקער געסל „קאָמאַראָווקע", וואו עס געפֿינט זיך זיין וואַרשטאַט, איז אַוועק זיין רום איבערן גאַנצן לאַנד און זיין נאָמען ווערט דערמאָנט באַגלייך מיט די בעסטע קונסט־מייסטערס. ער אַרבעט אומדערמידלעך און ער שאַפֿט צענדליקער פּלאַסטישע פּאָרטרעטן פֿון באַוואוסטע מלוכה־

טוער, העלדן פון דער פאטערלענדישער מלחמה, ענטוזיאזם פון דער ווויסנשאפט און פון דער סאציאליסטישער מי.

ער שאפט א ריי פארטרעטן־קינסטלער, וואס דארפן ארויסגעשטעלט ווערן אויפן היסטארישן באראדינער פעלד, וואו נאפאליאן האט אין 1812 דערפילט רוסלאנדס אומבאזיגבארקייט.

ער ארבעט עקשנותדיק אויף צוויי מאנומענטאלע פארטרעטן פון בארקליי דע־מאלי און באגראטיאן.

פאר דעם ווייסרוסישן רעגירונג־הויז פון מינסק האט אזגור אויסגעקלעפט דעם ערשטן טיפאגראף און קולטור־טרעגער פון ווייסרוסלאנד געארגי סקארינא און דעם געני פון דער רוסישער ליטעראטור — פושקין.

א טיפן איינדרוק לאזט איבער אזגורס פארטרעט פונעם מארשאל ראקאסאווסקי, וואס האט דער ערשטער דערלאנגט א טויט־קלאפ די פאשיסטישע גארגל־שניידער אין ווייסרוסלאנד, די בארימטע פילאטן גאסטעלא, טאללאליחין, מאלאדטשי.

א סך שעפערישע מי האט אזגור אריינגעלייגט אין זיינע פארטרעטן פון די פירער פון ארבעטער־קלאס — מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין.

צום דרייסיקסטן יארטאג פון דער גרויסער סאציאליסטישער אקטאבער־רעוואלוציע האט דער מאסקווער קונסט־מוזיי אויף פושקינס נאמען באוויזן זיין מאנומענטאלן ביוסט פון יהודה הלוי.

א סך יארן האט אזגור געטראכט וועגן דעם מערקווירדיקן יידישן דיכטער פון פיען מיטלאלטער. ווי באוואוסט איז נישט פארבליבן קיין איין ווירקלעכער פארטרעט פון יהודה הלוי. אזגור האט אים פלאסטיש אויסגעמאלט, האבנדיק אין זיכרון דאס לעבעדיקע בילד פון זיין זיידן. דער פארטרעט האט זיך באקומען אן אויסגעצייכנטער און דאס האבן ריכטיק אנגעמערקט א ריי מאסקווער צייטונגען און זשורנאלן. מיר זעען פאר זיך א פרעכטיקע פיגור פון א יידן, א דענקער מיט א געדיכטער ברייטער בארד, וואס דער ווינט האט זי צעכוואליעט. אין דער לינקער פעסטער האנט האלט ער א בינטל רויזן און זאנגען — דיכטונג און ברויט — דאס מויל — האלב אפן, ווי עס וואלט שטיל ארויספליסטערט א דיכטערישע שורה.

א באזונדער איבערראשנדיקן איינדרוק האט געמאכט זיין פיגור פעליקס דזערזשינסקי.

ווען דו קוקסט אויפן פארטרעט פונעם „ריטער פון דער רעוואלוציע", ווי סטאלין האט אים אנגערופן, דערפילסטו מיט אלע דיינע חושים די נאבעלע, ריינע געשטאלט פונעם עכטן באלשעוויק, פריינט פון פאלק פעליקס דזערזשינסקי. אזגורן האט זיך איינגעגעבן בולט און קלאר אנטפלעקן די צוויי טיפישע שטריכן פון אט דעם בארימטן מענטש. דער דענקער און דער מלוכהשער טוער.

פאר אט דער דאזיקער מערקווירדיקער ארבעט איז אזגור באלוינט געווארן צום צווייטן מאל מיטן טיטל לאורעאט פון דער סטאלין־פרעמיע.



ד"ר יעקב י. מייטלים

# פון מיין ביכער-טיש

עס איז מיר נישט לאנג צוריק שוין אויסגעקומען צו רעדן וועגן דער ערשטער, רייפער שאפונג פון בעלא שאגאל*. אויב איר בוך „ברענענדיקע ליכט" איז געווען דער ליטעראַרישער דעביוט פון דער צו־פרי פארשטארבענער קינסטלערין, אזוי איז „די ערשטע באגעגעניש"**, וואס ליגט איצט פאר מיר, א מין המשך פון דעם אויטא־ביאגראפישן ווערק, וואס זי האט לײדער נישט מער באוויזן צו פארענדיקן.

בעלא שאגאל'ס ניי בוך איז א ווייטערדיקער באווייז, אויב דאס איז בכלל געווען נויטיק, אז מיר האבן דא צו טאן מיט א שטארקער קינסטלערישער פערזענלעכקייט. זי איז דינאמיש, באוועגט, קרעפטיק, פול מיט קרעאטיוון אימפעט און טיפער לעבנס־פרייד און פארמאגט א קאלאסאלן קינסטלערישן ענטוזיאזם פאר אלץ, וואס איז שיין, האט פארב און סטיל. אזוי ווי איר הייסער טעמפעראמענט, אזוי איז דער נוסח פון איר שרייבן: לעבעדיק, קערענדיק, זאפטיק און פארבנרייך. עס איז א מין „געלעבט" שרייבן, גערעדטע שורות (אזוי טראכט און פארמולירט נאר א מענטש, וואס לעבט זער אינטענסיוו), וואס צאפלען נאך אונטער דער האנט, און וואס האבן אפילו נישט געהאט קיין צייט זיך אויסצושטיין, אויסצוזיורן. יעדע שורה נאך א הייסע, א צאפלדיקע, א גערעדטע, — א בינטל ווארעמע פארבן אויפן לייוונט. זיינען טאקע אירע בילדער, וואס זי צייכנט אונדז, שטיקער קאכעדיק לעבן, שארף און קאנטיק און פלאסטיש ביז גאר.

אט א פרילינג־בילד. „...די ערד, די גליקלעכע, די ליכטיקע, די ווארעמע, צעפלאנצט זיך, זופט זיך אן מיט זון און כוח, ווי עס פילט זיך אן מיט פרייד אן אלטע שטוב, ווען אלע אירע קינדער, אויסגעוואקסענע און בליענדיקע, קומען צוריק צו איר אהיים". (ז. 44).

דעם פרילינג־געוויטער באנעמט בעלא אט אזוי „...אין מיטן העלן טאג בלאזט זיך אן דער הימל און צעקוועטשט א שווארצן וואלקן, וואס איז אנגעלאדן אויף אים. א טראסק מיט א דונער, א שטאך מיט א בליץ — אין דער צעלעכערטער וואלקן, א פארוואונדערטער, גיסט זיך אויס אין א מבול וואסער" (ז. 45). נאך אזא שטורעמדיקן רעגן זעט זי דעם טייך ליגן „פאנאנדערגעווארפן, ווי א גיבור, וואס מען וויל איינשפאנען אין קייטן. ער קרעכצט, ברומט, ווארפט זיך דא אויף איין זייט, דא אויף דער אנדערער, ווי ער וואלט וועלן זיך צעגיסן איבער דער גאנצער שטאט" (ז.47).

* פגל. „לשון און לעבן" נר. 8, אויגוסט 1947.

** בעלא שאגאל, די ערשטע באגעגעניש, צייכענונגען פון מארק שאגאל. פארלאג פון אידישן פראטערנאלן ארדן, ניו־יארק, 1947.

און אַזוי זעט אויס ביי איר אין שטאָט די שטילע מנוחה'דיקייט, די פאַרשלאָפנקייט פון אַ פרייטיק־צו־נאַכטס: „...פון אונטן — דער פאַנאַנדער־געגאָסענער טייך. זיינע וואַסערן האָבן זיך ווי אָפּגעשטעלט. וואַסער, הימל — אַלץ רויט. די האַלב־איינגעמאַטערטע לבנה איז אויך פאַרקראָכן אין די וואָלקנס און זיך אויסגעלייגט ווי אויף אַ פּערינע איבערצונעכטיקן די נאַכט.“ (ז.55).

בעלאַ איז אַ יונגע גימנאַזיסטקע. אָט איז זי ערשט סוף זומער צוריק אַהיים געקומען פון אירע פעריען אין אויסלאַנד. איילט זי זיך טאַקע צו איר פריינדין, וועמען זי האָט אַזוי פיל צו דערציילן, אַזוי פיל אַנצופאַרטרויען. באַגעגנט זי אין רחבות'דיקן, קולטיווירטן הויז פון איר פריינדין צום ערשטן מאָל דעם יונגן שאַגאַל. ווערט איר עפּיס מאָדנע אויפן האַרץ. און מיט איר, פילן מיר בולט ווי איר פאַרלעגנהייט וואַקסט. „...דאָס בלוט האָט מיר פאַרגאָסן דאָס פּנים. ווי מען זאָל מיך כאַפּן אויפן אָרט אין אַ גנבה. זי (די פריינדין) רעדט שנעל. ווי זי זאָל וועלן זיך ראַטעווען. אַ מבול פון ווערטער. אירע ווערטער פאַרפּלאָנטערן מיינע פיס... איך בין ווי אַרומגערינגלט פון אַ שפּין־געוועב. אירע ווערטער קלעטערן אויף מיינע הענט, אויף מיין האַלדז, קיצלען מיין הויט. ווי זיי זאָלן וועלן מיך שטילערהייט דערוואָרגן. איך פאַרכאַפּ מיין הוט, מיין פּעלערינע און לויף אַרויס אויף דער גאַס“ (ז.24).

דאָס בוך איז די געשיכטע פון בעלאַ'ס יוגנט, פון איר היים, פון פריינד, פון דער קראָם, פון דער שטאָט מיטן טייך און בריק, פון זומער און ווינטער, פון פרייד און לייד, — אָבער דער צענטער פון דעם אַלעם איז די באַגעגעניש מיט דעם יונגן שאַגאַל, מיט וועמען דער ליכטיקער גורל האָט זי שפּעטער אויף אייביק פאַראייניקט. און אָט ווי זי זעט שאַגאַלן אין אירע ערשטע טעג: „...אַ צורה אַ שמאָלע. אַן אויסגעצויגענע אין דער לענג ווי ביי אַ פוקס. אַ ריר אַהין, אַ קער אַהער. ער שטייט נישט איין אויף איין אָרט. ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַר מענטשן. יעדע רגע איז ער גרייט זיך אָפּצורייסן פון דער ערד און אַנטלויפן. (הערן מיר דאָ נישט אַרויס אַ מאָטיוו פון שאַגאַל'ס שפּעטערדיקער מאָלעריי?). ס'מויל — אַן אָפענס, פול מיט ציינער, לויפט אויך. ער קען אים נישט באַהאַלטן אונטער די ליפּן. די ברייטע נאָזלעכער צאַפּלען, ציטערן, בלאָזן זיך אָן מיט פרישער לופט“ (ז.62).

דער יונגער שאַגאַל האָט פון ערשטן מאָמענט אָן אַרויסגערופן אַן איבערבראָך אין איר לעבן. זי איז געוואָרן אַ געפּאַנגענער פון איר אומרויקן טעמפּעראַמענט. מיט אַ מאָל, האָט זי דערשמעקט, זיינען אַוועק די רויקע, שטילע מיידלשע טעג. פון יעצט אָן האָט עס גענומען שטורעמען אין איר ברוסט מיט אַ הייסער בענקשאַפט נאָך אים. איר לעבן איז געוואָרן תהומות'דיק אויפגערודערט. ער האָט אויך אין איר געשטאַרקט און געוועקט דעם קינסטלער, וואָס האָט זיך מן הסתם דערפילט אינפעריאָר צו אים, דעם מאָלער פון פאַרמאָט און צוליב דעם צייטנווייז געשטאַנען אין שאָטן פון זיינע גרויסע דערגרייכונגען.



בעלאַ שאַגאַל האָט אַן אויג פון אַ שאַרפן באַאָבאַכטער. די אָפט קורצע, לויזע קאַפּיטלעך פון דעם בוך פאַרמאָגן אַ שפע פון טיפן, פיין ניואַנסירטע, אויסגעטאָקטע שילדערונגען, פּלאַסטיש, פול מיט עכטן, שפּרודלענדיקן פאָלקס־הומאָר. אָט באַגלייט זי אירע העלדן, וואָס קומען צו דער מאַמען אין קראָם אַריין איינקויפן געשאַנקען פאַר חתן־כלה („מתנות“). הערט זיך איין צו זייערע רייד, נאָטירט יעדע תנועה און צייכנט זיי מיט אַסך ליבע און פאַרשטענדניש. מיט די חתן־כלה און מחותנים פון ביידע צדדים שיט זיך אין קראָם אַריין אַ כאַליאַסטרע קרובים און סתם מבינים, וואָס זיינען געקומען קויפן אַ פּאַסיקן זייגער און גאָלד סיי פאַר דער כלה און סיי פאַרן חתן. זוכט מען, קלייבט מען איבער, טאַפּט מען אויס מעשה מבין, פאַרשיידענע זייגערס, זאָגט אַרויס השערות, דינגט מען זיך וועגן מקח. אָט האַלט מען שוין ביי אַוועקגיין, מ'שאַרט זיך פּאַמעלעך צו דער טיר. עס איז די לעצטע סטראַטעגיע, כדי צו דריקן דעם פּרייז. די מאַמע הינטערן צאָל־באַנק, אַ פאַרמאַטערטע, קוקט אָבער אַרויס אויף אַ מזומנעם גראָשן, לייגט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַבי די קונים נישט אַוועקצולאָזן. גיט זי זיי נאָך און מ'ווערט מושווה.“ די משפחה האָט אויפגעלעבט. אויפגעשטראַלט יעדעם פּנים. מען רוקט זיך צוריק צו די טישן. די מחותנתטע שמייכלט. זי האָט פאָרט אויסגעפירט. זאָל מען זיך לערנען ביי איר ווי אָפּצורייסן אַ גראָשן!“ (ז. 107). די קניה איז געמאַכט. אַלע צדדים זיינען צופרידן. ווינטשט מען זיך ברייט האַרציק צו טרעפן געזונטערהייט ווייטער אויף שמחות און דער עולם קונים גייט זיך פונאַנדער פריילעך נאָך דעם אָפּגעטאָנעם שטיקל אַרבעט.

אָט זעט זי דעם מלמד ר' שלמה ביי איר טאַטן אין הויז. „זיין דאַרער גוף דרייט זיך איבערן צימער אַרום, ווי אַן אומרו אין אַ זייגער — אַהין, אַהער.“ דעם שווייגנדיקן לערנער שילדערט זי: „...ס'פּנים פאַרפינצטערט פון די לאַנגע פּאות, פון דער פאַרפּלאָנטערטער באָרד. בלויז זיין גרויסער אַרבע־כנפות קריכט אַרויס פון הינטערן וועסטל, ווי אַ שטיקל הימל פון די וואָלקנס... דער רבי גיט אַ כאַפּ אַ ציצה, לייגט זי צו די ליפּן צו, גיט זי אַ קוש, ווי ער וואָלט וועלן איינשטילן אי די ציצה, אי זיך אַליין“ (ז.158).

אַן איינגענאַרטיקע אַטמאָספערע שאַפט זי אַרום דער שיינער, איידעלער, תמיד פאַרחלומטער פרוי פון דירעקטאָר פון אַ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט, וואָס ניסט אויס איר אומעט און בענקשאַפט אין טייערע בריליאַנטן און קאָליר־פולע איידעלשטיינער. זי קומט צו זיי אין קראָם, און דער טאַטע, דער תמיד פאַרטראַכטער, פרומער און שטילער, וויקלט פאַר איר פונאַנדער איין פּעקל שטיינער נאָך דעם אַנדערן. „פון אונטער די ווייסע פּאַפּירן גיבן אַ ברען רויטע רובינען... אין דער פרוים אויגן פאַרלויפט אַ פלעמל. אירע בלאַסע באַקן צעוואַרעמען זיך.“ באַלד דערנאָך מאַכט ער אויף „אַ פּעקל מיט בלוי־הימלישע טורקיזן. די פרוי גיט זיי ווייך אַ טאַפּ. ווי מע טאַפּט אָן אַ ליכטיק קינדער קעפּל“ (ז.74). בשעת איר פאָטער עפנט אויף אַ פּעקל מיט בריליאַנטן, רופט זיך דער פּיינפּיליקער בעלאַ, „ווי אַ הימל מיט שטערן זאָל זיך מיט־

אמאָל אויסשיטן אויפן טיש... ס'לויכטן דעם טאַטנס הענט, זיינע פינגער ווערן דורכזיכטיק. דאָס פּליס־פּאַפּיר אַליין שטראַלט און שיינט." (ז.75). און בעת דער פאָטער נעמט אַרויס פּערל, זעט זי ווי „...זי וויקלען זיך פון פּאַפּיר אַרויס גיבן אַ ציטער, ווי זיי זאָלן מיט אַמאָל אויפלעבן... ווי דורשטיקע נאָך זייערע וואָרצלען פון ים, זוכן (זיי) אַ לעבעדיקע הויט, כאַטש אַ האַנט, אַ פינגער צו וועלכן מע קאָן זיך צוקלעפּן" (ז.76).

* * *

עס איז אַ שיין, פאַרבנרייך בוך. און גענצאַץ אָבער צו „ברענענדיקע ליכט", איז דאָס איצטיקע בוך ניכער אַ פראַגמענט. די שילדערונגען לויזע, קורצע, אָן אַ וועלכן כראָנאָלאָגישן סדר און אינעווייניקסטן צוזאַמענהאַנג. עס זיינען פראַגמענטאַרישע קאַפּיטלען פון דער קינדערהייט, ווידער שילדערונגען פון איר יוגנט, בעיקר די באַגעגעניש מיט שאַגאַלן, סקיצן פון דער פרום־גלייביקער שטוב און דער שטרענג־יידישער סביבה, פון דער שטאָט, פון מענטשן — אַלץ אין אַלעם אַ פראַכטפולע, רייכע גאַלעריע פון טיפן און כאַראַקטערן פון דער וועלט פון נעכטן. אָבער בעלאַ שאַגאַל איז נישט פריי פון איבערחזורונגען און טיילמאָל טרעפן מיר זיך אָן אין סיטואַציעס און סצענעס, וואָס זי האָט אונדז שוין מייסטערהאַפט געשילדערט אין „ברענענדיקע ליכט." עס איז אויך דאָ אַ ביסל צו פיל באַרעדעוודיקייט און סטיל־מאַנעריזם.

דאָס בוך איז פראַכטפול און מיט געשמאַק אילוסטרירט פון שאַגאַלן. זיינע קורצע, קנאַפּ־געהאַלטענע ווערטער אין דער פאָררעדע, גיבן דעם בוך אַ באַזונדערע שטימונג און אינטימיטעט.

## א. מ. פוקס

# נייע יידישע ליטעראַטור — מרדכי שטריגלער

עס איז קיין ספק נישט דאָס די גאַנצע טראַגישע זכרונות און דאָקומענטאַציע ליטעראַטור, וועלכע איז דערשינען אין דער לעצטער צייט — שוין אַריינגערעכנט די בעסערע שאַפונגען אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, דערציילונגען, פּאָעמעס פון דעם היטלער חורבן, איז אין מהות פון איר טעמאַטיק, פון ריין היסטאָרישן ווערט און באַטייט. דאָס מיינט נאַטירלעך נאָר די אמתע איבערלעבונג און פאָרשונג ליטעראַטור פון דעמדאָזיקן טרויעריקן זשאַנר, וועלכע וועט זיכער דאָמינירן אין דער פּסיכיק און אין תוכן פון דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג פון אונזער דור.

עס זענען אָבער אויך אין דער לעצטער צייט דערשינען אַ צאָל בעלעטריסטישע ווערק אין יידיש, פון גרויסן וואָרט קינסטלערישן ווערט, אַגב, וועלכע האָבן טעמאַטיש נאָר נישט צו טון מיט די אייגנטלעכע געשעענישן פונם היטלער חורבן. זיי זענען אָבער פּאָרט אַ מוסטער פון דער נייער יידי־



שער ליטעראַטור וואָס מוז אין זיך און אין פּאָראָוים, סיי אין איר לאַנישער רעאַליטעט פונם סיפור המעשה סיי אין איר פּסיכישער בינדנונג מיטן יידישן לעבן, טראָגן אַ בולטע טענדענץ פון היסטאָרישער ווערט שאַצונג.

פון די דאָזיקע בלעטריסטישע ביכער זענען עס: „ריישע", אַ פּאָעמע פון בעריש ש. וויינשטיין, דערשינען אין ניו־יאָרק, „די יידן פון בעלוויל", אַ ראָמאַן פון בנימין שלווין, דער שינען אין פּאַריז או די ערשטע ליבע פון קאַפּל מאַטש" אַ ראָמאַן פון מרדכי שטריגלער, דערשינען אין פּאַריז.

וועגן די ערשטע צוויי ווערק וועל איך שפּעטער שרייבן באַזונדערע אַרטיקלען. דאָ וויל איך מיך פאַרנעמען מיט דעם דריטן בוך.

מרדכי שטריגלער איז נישט בלויז אַ טיפזיניקער פּאָעט נאָר אויך אַ שטאַרקער דערציילער. אין זיינע 2 ביכער־פּאָעמען „מאַידאַנעך" און „אין אַ פרעמדן דור" האָט ער גענעבן אַ געפילרייכן אויסדרוק פון זיינע מוראדיקע פיין־איבערלעבונגען אין טויטלאַגער און פון זיינע שפּעטערע גייסטיקע ראַנגלענישן.

שוין אין דעם בוך „מיידאַנעק" דערקאָנט מען די שאַרפע פען פון אַ רעאַליסטישן פּראָזע שרייבער. דער ראָמאַן „קאַפּל מאַטש" (עס איז אייגנטלעך אַ גרעסערע דערציילונג) האָט שוין דער יונגער שטאַרק טאַלאַנטירטער מחבר געשריבן אין דער בעסטער פאָרם טראַדיציע פון דער אָריגינעלער יידישער פּראָזע קונסט.

דער מקור אָבער איז היסטאָריש. ווייל דאָס שטיק יידיש לעבן שטריגלער שילדערט אין דעם בוך, מיט אַזוינע לעבעדיקע פאַרבן פון די בילדער, מיט אַזאַ פּלאַסטישער געשטאַלטונג פון די פּאַרשוינען און מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג און דעם טעטאַמישן קאָנפליקט — איז אַ אָפּשפּיגלונג פון אַ יידיש שטעטל אין פּוילן, וואָס איז ערשט נעכטן, דוכט זיך געווען מיט לעבן נאָר היינט איז עס שוין טויט, נישטאָ מער. היינט איז עס נישט מער ווי אַ טרויעריקער זכרון פון אַ מאָל איז געווען. . . .

אמאָל איז געווען אַ „שטעטל", מיט דורותדיקן יידישן לעבנשטייגער, אמת, אָן אַ צוקונפט, אָבער די קעגנוואַרט איז פּאָרט געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער אייגנקייט און אונזער נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. מענדעלע האָט פאַראייביקט דאָס בילד פונם יידישן שטעטל אויף זיין מייסטערהאַפטן פּראָזע־קינסטלערישן, רעאַליסטיש יאָרדערדיקן און שאַרף גראָטעסקן שטייגער. שלום עליכם האָט עס געזען פון דער לייכטער הומאָריסטישער זייט. שלום אַש און בערגעלזאָן פון דער ראָמאַנטישער ווייטקייט. וויסענבערג פון דער סאָציאַלער נאָענטקייט, זלמן שניאור פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט אַרויס. דאָס שטעטל האָט דאָמינירט די יידישע ליטעראַטור.

אַלע רעאַליסטישע שרייבער פון זיידן מענדעלעס חדר האָבן דערציילט, געשטאַלטיקט און געשילדערט — איעדער לויט זיין אָריגינעלן סטיל און גייסטיקן כח און זיין באַנעם. דאָס יידישע שטעטל לעבן פון אַלע זייטן, אינערלעך און אויסערלעך, מיט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן און קנייטשלעך, מיט

אלע פישטשעווקעס, אזוי צוזאגן. — עס איז געשאפן געווארן א גייסטיקער מאנומענט פון א שטיק טראגיש אונטערגעזונקענעם יידישן גלות לעבן, וואס וועט פארבלייבן לדורות אין אוצר פון דער ליטעראַרישער גייסטיקייט פון פאלק-ישראל.

אויף דער בלוטיק אפגעווישטער שטעטל־מאפע איז היינט צוגעקומען מרדכי שטריגלערס „שטעטל" גרימפּיץ פון זיין בוך „קאפּלמאטש". אלע „שטעטלעך" האבן אמאל געהאט איין פנים. פנימער זענען פארט פארשידן, האט זיך גרימפּיץ געהאט א שטיקל אייגן פנים:

„א גאנצע וואך האט דער מארק געגענעצט מיט א ברייט, פול מויל, ווי עס וואלט אים געווען אומעטיק און די הייזקעס האבן זיך פארשלאפענערהייט געטוליעט איינס צום צווייטן. בלויז אין די אונטערשטע געסלקעס האט זיך הייזקע צו הייזקע אנגענומען ביי די הענט דורך ברעטערדיקע פלויטן, פונקט ווי זיי וואלטן זיך געגרייט צו א טענצל, וועלכעס זאל פארטרייבן דעם דרימלדיקן טרויער וואס האט זיך געוויגט אין דער לופט."

די צייט אין וועלכער עס שפּילט זיך אפּ דאס שטיק אויסטערלישע לעבן פון דער דערציילונג איז אונזער טראגישע תקופה פון איבערברוך.

„אודאי איז איבער דער וועלט עפּעס פארגעקומען. צווישן דעם דור פון די טאטעס און די זיידעס ביז דער דאזיקער צייט, האבן זיך אינמיטן אריינגעריסן שווערע מלחמה־יארן, וואס האבן די וועלט איבערגעקערט מיטן קאפּ אראפּ און מיט די פיס ארויף. אין גרימפּיץ האבן די יידן, מיט די פארפעדערטע היטעלעך אפגעטריבן, מיט א הוילער האנט־באוועגונג, יעדן שפיר פון דער נייער צייט, וואס האט געפּרוווט אריינרייטן אויפן ווינט אין שטעטל אריין..."

נאר די איבערקערעניש איז פארט געקומען. עס זענען געקומען אין גרימפּיץ פרעמדע לייט, יידן סוחרים, מעקלערס, בוכהאלטערס... זיי האבן אויפגעבויט גרויסע הייזער, מילן, געשעפטן און גרימפּיץ האט באלד באקומען אן אנדער פנים.

„אויפן קליינעם שטעטל־גוף איז אויסגעוואקסן א גרויסער, געמויערטער הארב, וואס האט ביטולדיק און אנגעבלאזן אריינגעקוקט אין דער נאכט מיט העלצעצונדענע פענסטער־אויגן... די יידן האבן אנגעהויבן צו קויפן די תבואות פון דער גאנצער אומגעגנט, אויסגעבויט מאגאזינען און א האלב שטעטל מיט יידן ארייגעצויגן אלס מעקלערס."

מיט דעמדאזיקן שטראם נייע יידן און נייע געשעענישן וואס האט זיך אריינגעריסן אין גרימפּיץ, האט זיך באוויזן א מאדנער פרעמדער פארשוין א ייד, א וואסער טרעגער מיטן נאמען קאפּל. מען האט אים באלד געגעבן א צונאמען „קאפּל מאטש". דאס איז געווען א יונגערמאן א גולם, א ריז, וואס האט קוים געקאנט ארויסריידן גלייך אווארט. א פנים האט דער גולם־ריז קאפּל מאטש געהאט אזא:



„א בארד איז ביי קאלען געוואקסן א ווילדע, א שטעכיקע, די האר זענען זיך צעפלויגן איבערן גאנצן פנים און אנגעשלאגן אפילו אין די נאז־לעכער. זיי האבן זיך געוויקלט אין קאלטענעוואטע קאזשעלקעס און האבן זיך דורךביידע זייטן פון די אויערן רעדלדיק אריינגעקוילערט אינעם האר־תהום פון קאפּלס ריזיקן קאפּ."

דער סיפור המעשה פון דעם ראמאן איז א שטארק ראמאנטישע. דער גולם-ריז קאפּל מאטש, דער פרעמדער וואסער טרעגער, קערט איבער דאס שטעטל גרימפּיץ מיט זיין ליבע־געשיכטע. דעם גביר לייביש קארנס שיינע אינטעליגענטע טאכטער פעליציע, צערייצט זיינע עראטישע געפילן און פארדרייט אים דעם קאפּ. חברה שטעלדיקע בחורים פארטראכטן א בייזוויליקן חוזק־שפּיל. זיי פירן צונויף דעם ארעמען גולם־ריז קאפּל מאטש מיט דער שיינער גביר'שער טאכטער פעליציע קארן אין איר הויז און דערקלערט זיך אין ליבע, אויף זיין שווער פרימיטיוון שטייגער, נאטירלעך. דער שטעטלדיקער עולם האט דאפון א פארשטעלונג מיט א געלעכטער.

דאס איז אבער נאר דער אויסערלעכער סיפור המעשה. די אינערלעכע פּסיכאלאגישע האנדלונג פון דער זער לעבעדיק געשריבענער דערציילונג איז א גרויס בילד פון ריין מענטשלעכע קאנפליקטן און עמאציעס, געפילרייך און פיינלעך, וואס שטויסן זיך אין די האנדלונגען און פארמען א גאלעריע פון פארשידענע כאראקטער־טיפּן, אמת נישט גאנץ אריגינעל אין דער יידישער פּראזע־קונסט, אבער פארט מיט אן אייגענעם פנים. דער הויפּט פארשוין קאפּל מאטש, פעליציע, הענעך, יאסל, איטשע, בערעק, די ברידער פייווקע און שמערעלע האבן יא געגנג אייגנארטיקע שטריכן און דער פסיכישער געשטאלטונג.

די הויפּט מעלה פון שטריגלערס פּראזע קונסט איז זיין רייכער סטיל, וואס פארכאפּט אפּט מיט שטארקע רעאליסטישע ווארט־בילדער:

„קאפּל האט זיך פּלוצים אפּגעריסן פון זיין ארט, גענומען טשאפּען מיט זיינע שווערע טריט אהין און צוריק, אזויווי די טריט וואלטן אים געברענט. די פּולע עמערס האבן אים נאכלעסיק אראפּגעהאנגען פון ביידע זייטן און ער האט ביי יעדן טריט זיך א נויג געטון ווי צום קניען פאר עמעצן אן אומגעזעגנם, וואס נאר ער איינער שפּירט דא אן. ס'האט אויסגעזען, אז ער טאנצט דא אזא טאנץ, פול מיט וואונדן און שטומע אברים־געקרעכץ, וואס רייסט זיך און קען זיך נישט ארויסרייסן פון גלידער־פענט..."

צופיל אומנוציקע פרעמדע ווערטער און טיילמאל אנגעצויגענע זאצן שטערן אומזיסט די קלארקייט פון בילד. ס'פעלן אויך נאטור־בילדער פונם דרויסן. נאר דער גאנצער געזעמל מענטשן אין שטריגלערס ראמאן, עלטערע און יונגע, מיט אפשר שוין צופיל אימפּעט אין זייער לעבעדיקן טומל, איז עפּעס ווי פארכישופט אין אייגענעם ענגן קרייז פון קאמישע פּראווינץ־אפעקטן. זיי שטויסן זיך אונטערוויילעכץ, אפּט גאנץ בייזוויליק, ווי היפּנאטיזירט פון

עפּעס אַ עראָטישן צענטער (די גביר׳שע טאָכטער פעליציע). זיי זענען אַרויסגעהויבן פון דעם געוויינטלעכן שטעטלדיקן לעבנס שטייגער. און ווי פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ פרעמדער, פאַנטאַסטישער וויקטאָר הוגאָ נעפּיל־וועלט, וואָס פּאַסט זיך אפשר נאָר נישט צום רומל פון דער סביבה און איז אפשר אַ צו שווערע לאַסט פאַר גרימפּיץ אויסצוטראָגן...

* * *

איז אַזוי פּוסט און נישטיק אָנאָ פּאָזיטיוון געדאַנק, אָן אַ ערנסטן אידעאַל, געווען דאָס לעבן פון דער יידישער יוגנט אין פּוילישן שטעטל אין דער לעצטער צעשטורעמטער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות? אפילו דער פרעמדער מיסטעריעזער אינטעליגענט הענעך, וואָס באַזעצט זיך פּלוצים אין גרימפּיץ און טרייסלט אויף די יוגנט מיט רעוואָלוציאָנערער השכלה, ווערט שפּעטער פאַרדעכטיקט ווי אַ מסור צי אָן אַגענט פּראָוואָקאַטאָר פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער מלוכה־מאַכט.

קאָן דאָס מעגלעך זיין אַז אין דעם היפּשן שטעטל איז נישט געווען קיין סימן פון אַ ערנסטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג? אין גרימפּיץ איז שוין געווען „אַ ביבליאָטעק מיט יידישע ביכער און צייטונגען", פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען. באַוואוסטע ווערנער אַגיטאַטאָרן זענען אַראָפּגעקומען פון די גרויסע שטעט. אפילו אַ אייגענע צייטונג האָט שוין גרימפּיץ געהאַט. וואָס אַ בחור האָט דאָרט אַרויסגעגעבן און ס׳איז געווען אַרום איר אַ אייגענער קרייז פון „פאַרחלומטע בחורים שרייבער און דיכטער". עס איז געווען אַ היימישע, פּראָווינצער פאָלקסטימלעכקייט ווי אין אַלע שטעטלעך. און דאָך איז גרימפּיץ געווען עפּעס ווי אָן אַ ממשות, אַ חוזק שפּיל מיט לויטער קאָמישע און מעלאָדראַמאַטישע פיגורן.

צו די פאַרשוינען פון דעם ראָמאַן, אַ חוץ צו דעם הויפּט־פּאַרשוין, דעם גולם־רייז קאָפּל מאַטש ווייזט דער מחבר נישט אַרויס קיין איבריקע סימפּאַטיע־געפילן. דער לייענער, נאַטירלעך, האָט צו זיי אויך נישט קיין סאָציאַלע באַציאונג.

האָבן מיר אין שטריגלערס ראָמאַן אַ רעאַל בילד פון יידישן שטעטל־לעבן אין פּוילישן, פון דער לעצטער קריטישער צייט פאַרן חורבן, צי בלויז אַ געשיכטע פון אַ צופעליג און זייטיק געשען?

ווי דער מחבר באַמערקט אין דער הקדמה צו דעם בוך, איז עס „דער ערשטער טייל פון אַ ווערק וואָס די ווייטערדיקע טיילן וועלן שפּעטער אַרומנעמען די גרויזאַמע שטורמען". מעג מען פון מרדכי שטריגלער דערוואַרטן אַזאַ ליטעראַריש ווערק.





## „דאָס אַנטרינען פון יאַסנע פּאָליאַנע"

צוויי יאָר נאָך דער מלחמה אין חודש יולי ...194, זענען די אויגן פון אייראָפּע און אפשר פון דער גאַנצער וועלט, אויף אַ קורצן מאָמענט, געווענדט געווען צו דער שטאָט ז. אין דער שווייץ, וואו עס איז פאָרגעקומען דער אַל־וועלט פּען־קלוב קאָנגרעס.

די הויפּט אַטראַקציע פונם צוזאַמענפאָר זענען געווען די דייטשן, ווי זיי וועלן זיך אויפפירן, וואָס זיי וועלן זאָגן געגעבט צו מאַכן זייער פאָלק, וואָס האָט דאָ ערשט אַדורך געפירט שרעקלעכע שחיטות, וואָס רויכערן נאָך, זענען נאָך היים, די שרעקלעכסטע, וואָס די געשיכטע קאָן... די עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס איז, נאַטירלעך געווען דורכאויס מאָראַליש, אַנדערש ווי דער טריבונאַל אין מינכן, וואָס האָט געהאַט אין זיין רשות אַלע וואָפן פון דער גאַנצער וועלט... עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט טאַקע אין „אַ וואָרט איבערן וועלט־געוויסן" דאָס איז איינס און צווייטנס האָט זיך געהאַנדלט אין זער אַ ערנסטער זאַך, אויב דער קאָנגרעס וועט באַוויליקן אַריין צונעמען די דייטשן, ווי אַזוי דאָס וועט פאַרקומען, און וואָס פאַר אַ פאָרם, און וועלכער אַטמאָספערע. די זאַך איז געוואָרן נאָך מער דראַמאַטיש ווען עס איז געקומען די ידיעה, אַז אויפן קאָנגרעס וועט זיין קלאַאוס האַפּער, דער גרויסער קטיגור דייטשלאַנדס, אַ דייטש, וואָס האָט יאָרן לאַנג נישט אויף געהערט צו וואַרפן די שווערסטע באַשולדיגונגען אויף דייטשלאַנד.

מיר וואָלט זער פיל אָרט פאַרנומען, ווען מיר זאָלן בלויז אויסרעכענען די נעמען פון אַלע זיינע חיבורים, וועלכע האָבן אים, האַפּערן, גרויס געמאַכט אויף דער וועלט. ווי אין אַ רייכן מאַגאַזין (אַ שריפטשטעלער איז געגליכנט צו אַ מאַגאַזין.) האָט יעדער זיך געקאָנט אויסקלויבן עפּעס פאַר זיך. ווען עמעצן האָט נישט געשמעקט זיינע גרויסע סיפּורים, זענען זיינע נאָוועלן געווען אמתע פּערל. ווען די דאָזיקע מיניאַטורע ווערק, וואָס זענען געשפּינען פון פּאָעזיע, און אויסראַפינירטער חכמה, זענען נישט געפעלן, האָט איר זיך געקאָנט פאַרטיפן אין האַפּערס שווערע פילאָזאָפישע געזעלשאַפטלעכע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען געשריבן מיט העכסטער קענטעניש. אמת קלאַאוס האַפּער האָט נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט אונטערשטראָכן וועלכעס פון זיינע ווערק, ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל באַהאַנדלען אַלע זיינע ווערק ווי איין גרויסן פרעסק. דאָס איז אַ בעקאַנטע קרענק פון אַלע שרייבער, וואָס באַהויפּטן, אַז אַ גאַנץ לעבן שרייבן זיי איין איינציק בוך. האַפּער וואָס איז יעצט אַריבער זעכציק, שטאַמט פון איין אַלטן, רייכן, שטאַטישן קלאַס, פון דער משפּחה וואָס גייט זיך אין יעצטיקן דור צעפאַלן. די קונסט אָבער מיט וועלכער האַפּער פאַרנעמט זיך אַזוי אינטענסיוו פון זיין יוגנט אָן, האָט אים געראַטעוועט פון אונטערגיין. דאָס איז געווען אַ שרייבער מיט אַ זער גרויסן

פאַרנעם. עס איז צו אים דערגאַנגען דאָס גערויש פון די ים־כוואַליעס פון דער דייטשער געשיכטע אַזוי גוט ווי דאָס שוואַכע קלאַפּן פון דופק פון קליינע הערצער ערגעץ אויפן ראַנד פון לעבן. ער האָט אייביק געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים, כאָטש די וואָס מיינען, אַז געדאַנקען זענען פאַרבונדן מיטן וואָרט, האָבן אים גערופן „דער קאַבינעט־דענקער".

נאָך דער לעצטער מלחמה און אפילו בעת דער מלחמה האָבן זיך מאַנכע קריטיקער געוואונדערט, אַז נאָך אין זיין פריערדיקן שאַפונג האָט האָפער אויך געדעקט די עלעמענטן פון פּרייסיש־גערמאַנישן לעבן. איז טאַקע געווען אַ קשיא פאַר וואָס האָט ער אין יענע מלחמה יאָרן 1914-18 גלייך מיט אַלע אַנדערע גערופן „דייטשלאַנד", „דאָס דייטשע פאָלק" אַלס דאָס בעסטע פאָלק אין דער וועלט. מען האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז ער האָט זיך נים אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז ער האָט זיין אייגן ווערק נישט פאַרשטאַנען. ער גייט דעם זעלבן וועג ווי זיין משפחה. אויף דעם פינסטערן וועג. אַלס רעאַליסטישער שרייבער גיט ער איבער גענוי וואָס ער האָט געזען, ער האָט אָבער נישט געוואוסט און נישט געקאָנט וויסן די ווייטערע געשעענישן. ווי אַלע יונגע שריפטשטעלער האָט האָפער דאַמאָלט אין יענער מלחמה נישט געקאָנט אַרויסציען קיין קאָנסעקווענצן. ערשט שפּעטער אין די יאָרן 1918-1933, אַלס עדות פון די בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די „ברוינע און רויטע" האָט ער געעפנט די אויגן. אין די ליטעראַרישע ווערק זיינע האָט ער די דאָזיקע טעמאַטן נישט באַרירט נאָר בלויז אין זיין פּובליציסטיק האָט ער זיך קלאָר אַרויסגעזאָגט.

האָפערס ווידוי פון יענער צייט איז געווען זער אויפרירנד. געבעלס (ימח שמו) האָט געשריבן, אַז די מלחמות פון 1914-18 און פון 1939-45 דאַרפן גערעכנט ווערן אַלס איין גרויסע דרייסיק יאָריקע מלחמה. באמת איז אין דייטשלאַנד די מלחמה נישט איבערגעריסן געוואָרן. טאָג טעגלעך האָט זיך בלוט געגאָסן. דורך די גאַסן האָבן מאַרשירט ברוינע באַטאַליאָנען געמוסטערט ווי דורך וואַגנערן. אַז יעדער דייטש האַלט פון וואַגנערן, קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי האָפער האָט פון אים געהאַלטן. די רויטע האָבן דעסגלייכן מאַרשירט, געמוסטערט ווי פון אַ אָרימען וואַגנער. האָפער האָט דאַמאָלס באַמערקט: דער געזעלשאַפטלעכער עלעמענט איז אין ביידע באַטאַליאָנען ענלעך נאָר ווען די ברוינע האָבן נישט קיין פּנימער נאָר מושקאַרעס האָבן די רויטע געזיכטער.

אַלס דייטש האָט האָפער סימפּאַטיזירט מיט וואַגנערן, אָבער אַלס מענטש מיט די רויטע. בטבע איז האָפער געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש, גענייגט צו קאָמפּראָמיסן און נישט צו באַריקאַדן. לאַנג האָט ער זיך נישט געקאָנט דעצידירן, נישט געוואָלט זיך אַריין מישן און געחלומט פון אַנטלויפן ערגעץ אין אַ „מאַכטגעשיצטן אינערלעכקייט". ביז אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען צו איבערצייגונג, אַז אויסנווייניק האַלטן אים אַלע פאַר אַ רויטן. דאָס האָט אים איבערראַשט און פון דאַמאָלס אָן האָט ער בריש־גלי געהאַלטן די רויטע



נאָך שטאַרקער. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז אים געלונגען עפ"י נס צו אַנטלויפן. ער האָט פאַר די פּרעסע קאָרעספּאָנדענטן אין דער שווייץ געזאָגט: ווען איך וואָלט געווען געצעגערט נאָך איין איינציקן טאָג וואָלט איך שוין היינט נישט געלעבט. עס איז קיין ספק נישט, אַז געבעלס וואָלט אים מיט פאַרגעניגן אויף געהאַנגען. האָפער האָט לאַנג נישט געוויילט אין דער שווייץ און אין פראַנקרייך. ער האָט איינגעשטימט איבערצונעמען אַ קאַטעדרע אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט, וואו אַהין ער איז באַלד אוועקגעפאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז איבערגעשראָקן פון דער טויבקייט פון אייראָפּע: — געהערט האָט מען אונז, אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן האָבן מיר באַלד אויף די פּנימער פון אונזערע צוהערערס באַמערקט גלייכגילטיקייט אָנשטאָט מיטלייד. אַזוי ווי מיר האָבן אויפגעהערט צו דערציילן האָט מען פאַרגעסן דעם אינהאַלט. מיר האָבן דאָך אָבער גערעדט פון דער גרויסער שריפה וואָס וועט גיך אַרום כאַפּן די גאַנצע וועלט! מען האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט נישט מען זאָל אונז חושד זיין, אַז מיר זענען מגזם, מען האָט אונז געגלויבט, נאָר געטאָן האָט מען גאָרנישט. די שלעכטע לאַגע פון די דייטשן עמיגראַנטן איז נישט געוואָרן דאָס וואָס מען האָט פאַרלוירן משפחה און פאָטערלאַנד. נאָר דאָס וואָס מיר זענען געוואָרן טויב־שטומע און אָן הענט. מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו ריידן און וואָס צו טאָן. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך קלאַאוס האָפער אונטערגענומען אַ גאַנץ נייע זאַך. צו עפענען די אויגן זיין אייגן פאָלק אויף זיינע מעשים, אויפצודעקן אים זיינע שרעקלעכע רציחות, אויסצוניכטערן, אויב דאָס פאָלק וויל נישט צוריבן ווערן דורך דער וועלט ראַכע. באַשוואָרן, געסטראַשעט און געבעטן האָט ער, ערקלערט יעדן דייטש וואָס עס באַדייט דער יחיד.

„אין יעצטיקן מאָמענט איז נישט דאָ קיין גרעסערע אויפגאַבע ווי דאָס. אַז יעדער דייטש זאָל זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון וואָס פאַר אַ כוח ער שטעלט מיט זיך פאָר". ער האָט גערופן צו ווירדע, צו מענטשלעכע ווירדע. בעת די גרעסטע דייטשע נצחונות האָט געבעלס ערקלערט דער יוגנט ווער עס איז דער דאָזיקער שריפטשטעלער קלאַאוס האָפער, אַ מענטש, וועלכן די דייטשע נצחונות טוען וויי. נצחונות פון אייערע פאָטערס און ברידער. און נישט נאָר אין דייטשלאַנד האָט מען האָפערס מעשים אַזוי אָפּגעשאַצט. צווישן די דייטשן עמיגראַנטן אין אַמעריקע זענען געווען זער פיל אַזעלכע אַנטי־היטלעריסטן, אין וועלכע דייטשע נצחונות אין די יאָרן 1939-1942 האָבן אויפגעוועקט זייער דייטשנטום. מען האָט שוין אָנגעהויבן צווישן זיך שמועסן וועגן האָפערן אַלס פאַררעטער. האָפער אָבער האָט זיך געטאָן זיינס. פון איין זייט דערקלערט דעם דייטשן פאָלק די שרעקלעכע מעשים זיינע און פון דער אַנדערער דער וועלט קלאָר געמאַכט ווער עס איז „דער דייטשער מענטש", „דער אָרנטלעכער תמימותדיקער דייטש", דער מאָלער, אַרטיסט, אַרבעטער אָדער בעאַמטער, וועלכע זענען אויפן מזרח ווילד געוואָרן. אין האָפערס רעדעס

האט מען ג'הערט קנאקן ברענענדיקע ביינער און יאמער פון הרוגים. די רעדעס זיינע האבן שטארק אויף גערעגט. מען האט אים נישט גענומען פאר בלויז א שרייבער. מען האט אים געהאלטן פאר „דעם געוויסן פון איין פאלק". פארן „געוויסן דער צייט". שטייענדיק פארן ניו־יארקער מיקראפאן האט זיך האפער געמישפט פאר דער נשמה פון זיין פאלק. ער האט גערופן: איר האט א נשמה, טא וויזט זי היינט, נישט מארגן. היינט איז דער טאג פון נסיון. פארגעסט נישט, גייט נישט אראפ פון וועג. מאכט אייך נישט אומגליקלעך. דייטשלאנד ערוואכע!" די דאזיקע ווערטער זיינע האבן געגליט ווי פייער. אין דעם דאזיקן איידעלן, עלטערן מאן האט זיך אויפגעוועקט עפעס פון די נביאים הקדושים און מיט פשוטע ווערטער „מענטש", „בירגער" האט ער געבעטן מען זאל מכוון זיין וואס מען מיינט מיט די איינפאכע ווערטער. „אלעס וואס לעבט אויף דער ערד האט רעכט צום לעבן, אויסער די יעניקע וואס אנערקענען נישט דעם דאזיקן געדאנק". ער, האפער, האט ערקלערט, אז ער שעמט זיך צו זיין א דייטש און האט זיך א נאמען געגעבן „וועלט־בירגער".

ענדלעך האט דער בעס פון די פעלקער צעקוועטשט און אנידערגעלייגט דייטשלאנד. די דייטשע פירערס, וואס האבן זיך בארימט, אז זיי גייען אויס־זעצן די גרעניצן צווישן אלע מדינות שוין פאראויס אויף גאנצע טויזנטער יארן, די דאזיקע פירערס זענען פארמשפט געווארן און אויפגעהאנגען. דייטש־לאנד איז געווארן פריי פאר די אלע, וואס האבן געמוזט פריער עוקר זיין. אלע עמיגראנטן מארבע בכנפות הארץ האבן געקאנט צוריק קומען און זענען טאקע געקומען, אפילו יענע וואס האבן האפערן געהאלטן פאר א פאררעטער. האפער אבער אליין איז ווייטער געזעסן אין אמעריקע, געווארט. ער האט זיך גוט צוגעהערט וואס עס קומט פאר אין דייטשלאנד. אין זיין אפריל רעדע דורכן ניו־יארקער ראדיא האט ער געזאגט: „ניין, ער קומט נישט צוריק"!

די דייטשן באווייזן הונדערט מאל אין טאג, אז זיי האבן נישט קיין איינציקן געדאנק פאר חרטה פון זייערע רציחות. איין איינציקע רציחה וואס זיי אנערקענען איז, אז זיי האבן פארשפילט די מלחמה. אן שום חרטה וואס זיי האבן ערשט נעכטן אפגעטאן, קאכט שוין ביי זיי פריש די רציחה, זיי קלערן שוין פון א נייער מלחמה.

וואס וועט זיין ווען איך קום צוריק? איך וועל מוזן וואוינען אונטערן שויץ פון די אליאנס באנגעטן, צווישן א פאלק וואס איז בלינד פאר שנאה. ווי אזוי האב איך זיך אמאל געקוויקט, ווען איך האב געחלומט פון טאג ווען איך וועל צוריק קומען! מיט וואס פאר א הייליקייט אין דער נשמה וואלט איך איבערגעטראטן די גרעניץ, ווען מיין פאלק וואלט אליין אדער אפילו מיט זיין קליינער הילף זיך באפרייט פון זיין קנעכשאפט און געגעבן דעם קלענסטן באווייז, אז די פרייהייט איז אים טייער! ליידער!....

עס האט אויסגעזען, אז דער ריס צווישן האפערן און זיין פאלק בלייבט אויף אייביק, אז דאס מחלוקת וועט שוין דווערן ביזן לעצטן. איז בכן קיין



וואונדער נישט, אז די ידיעה פון דעם אלטנס אהער קומען אופן קאנגרעס, וואו עס קומט אויך א דייטשע דעלעגאציע, האט געווירקט אויף דעם כח חרמיון ביי אלע, וואס האבן יארן לאנג, אכטונג געגעבן אויף דער דאזיקער דראמע. צי וויל דער דאזיקער ווידערשפעניקער זאגן שלום? אדער עס איז דער אנהויב פון סוף? דער קאנגרעס האט געדארפט אויף דעם אלעם ענטפערן. אפיציעל איז האפער געקומען אלס אמעריקאנער דעלעגאט. אמעריקאנער ביר־גער איז ער שוין לאנג. עס זענען אדורך די ערשטע פארזאמלונגען, די ערשטע נישט אינטערעסאנטע זיצונגען. ענדלעך איז געקומען דער טאג, ווען דער קאנ־גרעס האט זיך געדארפט ארויס זאגן וועגן ענין דייטשלאנד.

די דיפלאמאטן קערייווען, ווען נישט מיטן געוויסן פון די שריפטשטעלער, באשטימט אבער מיט זייערע רעדעס אויף די צוזאמענפארן, ווען די אנגלא־זאקסן האבן אויף געהאנגען יענע פירערס און גרייטן צו א דריטע מלחמה, און וועלכער די דייטשן וועלן נעמען א בכבודיקן אנטייל. גייען זיי שנעל פאר־געסן די נעכטיקע מלחמה מיט אירע אכזריות, און ווילן אז מיר זאלן אויך נישט געדענקען. זיי, די אנגלא־זאקסן האבן שוין גערעכט געמאכט די דייטשן און ווילן אז אנדערע זאלן דאס זעלבע טאן. דער פארזיצנדער פון קאנגרעס מר. א האט געשטעלט צום אפשטימונג, אויב מען זאל צוריק ארייננעמען די דייטשן, וועלכע מען האט ארויסגעווארפן דעמאלט ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט. מר. א. האט פארנעליינגט, די דייטשן זאלן אליין רעצידירן ווער פון זיי זאל האבן דאס רעכט צו נעמען אנטייל אין דער פען־קלוב אר־גאניזאציע. אין מאראלישן זין האט דאס געהייסן ווי ביים מיליטער אוועק צו נעמען די וואכע. דער צוזאמענפאר איז דאך אבער נישט באשטאנען פון בלויז אנגלא־זאקסן, עס זענען פאראויס געווען אנגעשרויפט די ספרענזשינעס און ווי נאר מר. א. האט געמאכט זיין פארשלאג האבן געבעטן דאס ווארט א בעלג און א פאלאק.ביידע האבן עפעס וואס ארויסגעשארט פון נאנטן עבר און זיך ארויסגעזאגט וואס זיי דענקען וועגן דייטשער זעלבסטרעגירונג. צום ווארט נאך זיי, האט זיך פארשריבן א פלישתינער פון יידישן פען־קלוב. ערשט נאך אים האט געדארפט רעדן קלאאוס האפער.

דער פלישתינער מיטגליד איז געזעסן אין יענעם עק זאל. אזוי אז צו־צוקומען צום רעדע־טיש האט ער געמוזט אדורך גיין דעם גאנצן זאל. דאס איז געווען נישט קיין הויך געוויקסענער מענטש מיט זער לאנגע הענט, כמעט ביז די קני, מיט שיטערע האר דורך וועלכע מען האט ארויס געזען זיין שעדיל, א טונקל פנים, מאטע אויגן און געלע אויגן־ווייסלעכצער. ווען ער האט זיך געשטעלט ביים רעדער־טיש, האט ער זיך שווייגענדיק ארומגעקוקט. דאס פארציענדיקע שווייגן זיינס האט פארשטארקט דאס פראאינטערעסירונג. פלוצים האט ער זיך געווענדט אין דער זייט וואו די דייטשע דעלעגאציע איז געזעסן, האט אויף געהויבן אין דער הויך זיינע לאנגע הענט, האט א בליסק

געטאָן מיט זיינע אויגן ווייסלעכצער און מיט א שרעקלעך געשריי אויסגערופן איין איינציק וואָרט: — **ד י ט ר א ג י ם !**

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף דעם קאָפּ, האָט געמאַכט א תנועה גלייך ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט, א קליינע ווײַלע געשטאַנען, געלאָזן אַראָפּגעגאַנגען און געלאָזן דורכשפּאַצירט דורכן זאַל און אַנידערגעזעצט זיך בײַ זיין דעלעגאַציע, וועלכע איז געוואָרן איבערשראָקן גלייך מיט אַלע אין זאַל. עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן דעם איינדרוק וואָס די דאָזיקע רעדע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין איינציקן וואָרט האָט געמאַכט. דער גאַנצער זאַל איז ווי פאַרשטאַרט געוואָרן. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, עס איז, שיינט מיר, נישט געווען קיין איינציקער וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער פּילשתינאַר האָט געמיינט.

אופן מערב זענען זער פּאָפּולער געווען די זכרונות פון טרעבלינקע. באַשריבן דורך איינעם פון די זעלטן לעבן איבערגעבליבענע אַרעסטאַנטן. עס איז געווען אין דער צייט ווען אַלע טויט־אָבאַזן אין דייטשלאַנד האָבן באַקומען א באַפעל צו פאַרווישן אַלע צייכנס פון זייערע רציחות. דער טויט־אָבאַז אין טרעבלינקע האָט באַקומען עטלעכע „באַגרים" און ספּעציאַליסטן דייטשן, וואָס האָבן די דאָזיקע „באַגרים" בערינגט. דאָס זענען געווען מאַשינען וואָס האָבן אויפגעריסן די ערד אויף בא באַשטימטער טיף, די לייכן־קאָמאַנדע האָט אויף „טראַגים" צוזאַמענגענומען די טויטע. לייכן, וועלכע מען האָט פון די „טראַגים" אויסגעשיט אויף גרויסע אײַזערנע רושטעס, אונטער וועלכע מען האָט טאָג און נאַכט געהייצט. ווי עס דערציילט דער מחבר פון די זכרונות, האָבן די דייטשן חוזק געמאַכט פון די יידן: די טראַגים! שנעלער די טראַגים! זיי , די דייטשן, האָבן זיך דערביי גוט געווײַלט, ווען זיי זענען פאַרנומען געווען בײַ די מאַשינען אויפצורייסן די ערד. אין די זכרונות האָט די דאָזיקע באַשריבענע סצענע געמאַכט א שווערן איינדרוק. דער פּלישתינער דעלעגאַט האָט געהאַט צוגעגרייט א סאָלידע רעדע מיט א גענוגנדער צאָל פּראָזן, ווען ער האָט אָבער א קוק געגעבן אויף די דייטשן, „איז עפּעס מיט אים אַזוינס געשען" וואָס ער איז נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן. ער האָט נישט געברויכט אויפצוקלערן, אַלע האָבן זער גוט פאַרשטאַנען. די היץ אין זאַל איז דעמאָלט געשטיגן שיעור נישט ווי די היץ אין יענע קרעמאַטאָריע־אויוונס. קלאַאוס האָפער האָט רעזיגנירט פון זיין רעדע... ביידע רעדנערס, דער בעלגישער און דער פּוילישער, האָבן ערקלערט אַז זיי פאַרלאַנגען לגמרי נישט, מען זאָל אויסשליסן די דייטשן פון דעם אייראָפּעאישן פּען־קלוב. דאָס איז, ליידער, נישט מעגלעך.

(המשך קומט)

איבערזעצט אין יידיש פון **יוסף שפּער**.





# דעבעט און קרעדיט

(א פּאָר פּערזענלעכע ווערטער צו אונדזערע לייענער)

אין יענע גוטע צייטן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען נייע פּאָרמען און ווערטן זיינען אַריינגעדרונגען אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע יידישע ישובים, האָב איך געלעבט אַלס יונגער אַרבעטער אין א מערב־דייטשער קהלה.

מיט א גרופּע יידישע בעלי־מלאכות, אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און אַרבעטסלאָזע האָב איך דאָרט געגרינדעט אַן אַרבעטער־בילדונגס־פאַראיין. (איך האָף, אַז ס'וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן איבער דעם דאָזיקן יידישן אַרבעטער־פאַראיין, און זיין „קוריאָזער" טעטיקייט אין א ווייניק־באַקאַנטער יידישער קהלה אינם רוהר־געביט).

ווי עס זאָגט שוין זיין נאָמען, האָט איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון אַזאַ פאַראיין געדאַרפט צו זיין בילדונג. אייביק האָט בײַ אונדז געהערשט א מאַנגל אין לעקטאָרן איבער וויכטיקע ליטעראַטור־און יידיש־סאָציאַלע פּראָבן. האָב איך אַמאָל נאָך א פונקציע געטראָפן א באַקאַנטן, וואָס האָט שוין אַלס יונג בחורל געמחיהט און געוואָרעט אי בײַ די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אי בײַ די לינקע ציוניסטן. ער האָט געהאַט א גוטע מיטלשול־בילדונג, א גלאַטע געשליפענע צונג, שלאָגפאַרטיקייט און א גוטע פּאַרציע טרוקענע לאָגיק. האָב איך אים געבעטן, ער זאָל זיך אַמאָל מטריח זיין און האַלטן א פּאָרטראַג פאַר אונדזערע מענטשן. האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איינציקע, איבער וואָס איך קען האַלטן אַן אויספירלעכן פאָרטראַג, איז איבער „זאָל און האָבן", ד.ה. איבער „דעבעט און קרעדיט".

איך וועט דאָך נאַטירלעך פאַרשטיין, אַז זיין ענטפער איז געווען נישט מער, ווי א גוטער וויץ, און אַז ער האָט פאַר אונדז קיין שום רעפעראַט נישט געהאַלטן. און דאָך. — איז דער ענין דעבעט און קרעדיט נישט אַזוי לייכט אוועקצומאַכן מיט דער האַנט. דער גאַנצער מלוכה'שער אַפּאַראַט דאָ אין ענגלאַנד, און אויך וואו אַנדערש, איז נאָך דער איצטיקער מלחמה אין א שטענדיקער קאַנוואָלסיע כדי צו געפינען דעם באַלאַנס פון „זאָל און האָבן", דעבעט און קרעדיט.

ווען דער ענגלישער פינאַנץ־מיניסטער (אָדער טשאַנסלאָר אָף עקסטשעקער בלע"ז) ווענדט זיך אין דעם פּאַרלאַמענט מיט זיין בודזשעט, האָט ער א גענוי אויפגעשטעלטן פּלאַן מיט רובריקן און ציפערן וועגן די הוצאות פון לאַנד אויף איין זייט, און די עווענטועלע הכנסות אויף דער אַנדערער זייט. שטעלט זיך למשל אַרויס, אַז די דעבעט־זייט, די הוצאות זיינען געוואַקסן אָדער האַלטן אין שטייגן, מוז ער, דער חשובער, מיניסטער, זיך מטריח זיין צו שאַפן נייע הכנסות. ער באַגליקט אונדז מיט נייע פּראָטקעס, נייע שטייערן: דירעקטע און אומדירעקטע. כמעט יעדער פון אייך האָט אין די

מלחמה־יאָרן און שפּעטער באַקומען צו שפּירן דעם דרוק פון דער נייער טאַקסע: איינקום־שטייער, קויף־שטייער, ירושה־שטייער, טאַבאַק־און בראַנפן שטייער וכו'. אייער פּעקל פּאַפּיראָסן (און ס'איז מיין פּעקל אויך), וואָס האָט פאַר דער מלחמה געקאָסט אַ שילינג, (און האָט דעם קאָמערציעלן ווערט נאָר פון זעקס פּענים) קאָסט היינט גאַנצע דריי שילינג מיט זעקס פּענים. און ווען איר ווילט אייך פאַרגינען אַ ביסל וויסקי אָדער „דשין", ווייסט איר מסתמא בעסער פאַר מיר, וויפיל איר מוזט מער דערפאַר באַצאָלן, ווי פאַר דער מלחמה. דער געהעכערטער פּרייז באַשטייט צום גרעסטן טייל פון דער אומדירעקטער שטייער, וואָס דער טשאַנסעלער האָט אַרויסגעלייגט אויף מיינע און אייערע פּאַפּיראָסן, אויף די ספּיריטאָזן און אויף דעם הער־מעלין־מאַנטל אָדער ביבער־פּעלץ, וואָס איר האָט געמוזט קויפן אייער ווייב אָדער וועט אי"ה קויפן, ווען איר וועט מוזן. די טאַבאַק־שטייער אַליין, האָט מיר היינט אַ סוחר דערציילט, ברענגט אַריין דער מלוכה 550 מיליאָנען פונט אַ יאָר און שאַפט דערמיט אַ געזונטן באַלאַנס פאַר די גרויסע הוצאות פונם לאַנד.

ווערט איר דאָך מסתמא פרעגן, צו וואָס איך דערצייל אייך דאָס אַלץ? יאָ, צו וואָס? הלמאי, אַ רב האַלט אַ דרשה אַ געשלאָגענע שעה, ברענגט אַ מדרש פון דאָ און אַ משל פון דאָרט, און ערשט פאַר דעם „בזכות זה" ווערט איר געוואויר, אַז ער מיינט נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך? האָב איך עס געמאַכט אַביסל קערצער. איך וויל אייך לאַנג נישט ברייען. איך וויל איר זאָלט מיר העלפן צו שאַפן אַ פינאַנציעלע באַזיס פאַר אונדזער זשורנאַל „לשון און לעבן", אַ געזונטע באַלאַנס פון דעבעט און קרעדיט.

אויף וואָס למשל מאַרשירט אַ מאָדערנע אַרמיי? איר וועט מן הסתם ענטפערן, אַז אויף גוטע וואַסערדיכטע שיך. ניין, נאַפּאַלעאָן, דער גרויסער מאַרשאַל האָט געזאָגט, אַז אַ מאָדערנע אַרמיי מאַרשירט אויפן מאָגן, און אַזוי איז דער נמשל, אַז אַ גוטער זשורנאַל דרוקט זיך און גייט אַרויס מיט... געלט.

איך האָב געזאָגט געלט. וויפיל?

אַנומעלטן (מיט צוויי חדשים) צוריק האָט איינער פון אונדזערע חשובע לייענער אָדער אַבאָנענטן מיך פאַרוויקלט אין אַ שמועס מכח אונדזער „לשון און לעבן". אַז ס'איז איצטער אַ זשורנאַל, וואָס האָט זיך שוין שטאַרק איינגעפונדעוועט אינם היגן ישוב. ער פאַרקויפט זיך אויך שוין אין נישט־יידישע בוכהאַנדלונגען. מען ציטירט אים שוין (דעם זשורנאַל) דאָ און דאָרט, מען גנב'עט שוין אַפילו אַרויס שטיקער אויך. אָן צוזאַמענהאַנג (און אָן צו פרעגן אויך). מיינט ער, דער חשובער לייענער, אויב אַזוי איז דאָך דער זשורנאַל שוין נישט מער עפּעס אַ העפטל, ווי אַמאָל, נאָר אַ שטיקל „ביזנעס" מיט אַ רעדאַקציע און אַ סעקרעטאַר". „און ווען ס'וועט זיך ברוך השם ערשט פאַרגרעסערן די צאָל פון אַבאָנענטן..." דאָ האָט מיין פריינט אויפגעהערט צו רעדן, מחמת איך האָב אומבאַוואוסט פאַרצויגן מיין פּנים צו אַ מאָוסער



גרימאַסע. מיין ייד איז מן הסתם דאָך נישט קיין נאַר, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך וועל אים גאָרנישט אַזוי פריילעך אָפּענטפערן. האָט ער מיך געשווינט באַוואָרפן מיט אַ פראַגע: „טאָ פון וואָס זשע לעבט דער רעדאַקטאָר?" האָב איך, דעם חשובן לייענער, (זיין נאָמען וועל איך האַלטן בסוד, מחמת אַ סעקרעטאַר מוז קענען האַלטן סעקרעט) אויפגעשטעלט אַזאַ רעכענונג: מיר לאָזן דרוקן קרוב טויזנט עקזעמפּליאַרן (64 זייטן יעדער עקזעמפּליאַר מיט אַ שער־בלאַט און אינהאַלטס־פאַרצייכעניש) צו צוויי שילינג אַ שטיק, מאַכט עס אַ קימאַ־לן פון רונדיקע הונדערט פונט. אַלע אָנגעזעענע יידישע צייטונגען, צייט־שריפטן, קאָרפּאָראַציעס, „סאָסייטיס" וכו' (און ווער האַלט זיך נישט פאַר אָנגעזען?) פאַרלאַנגען „קאָמפּלימענטאַרי קאָפּיס". אין די קעמפּס פון די שארית הפליטה שיקן מיר רעגלמעסיק צווישן 75-80 עקזעמפּליאַרן יעדן חודש. הייסט עס בלייבן צום פאַרקויפן, צום פאַרטיילן אין די שאָפּס און צום פאַר־שיקן פאַר די אַבאָנענטן אַן ערך 800 עקזעמפּליאַרן. 25 שטיקלעך גייען נאָך אַזוי אַוועק פאַר די פאַרשיידענע מחברים אַלס צולאָג צו דעם „גרויסן" האָנאָ־ראַר. וואָס זיי באַקומען פון אונדז. בלייבן 775 עקזעמפּליאַרן צו אַ שילינג. דאָס מאַכט לויטן חשבון אַדאַם ריזע, דעם גרויסן מאַטעמאַטיקער!..." און דאָ האַקט מיך איבער מיין פריינט מיט אַ גרויסן עכטן גרימצאָרן: „אָבער, פּאַלושאַק, זענט איר משוגע, איר האָט דאָך אַ געוואַלטיקן דעפיציט!"

„יאָ, מיין פריינט, אָט פון דעם דעפיציט לעבט דער רעדאַקטאָר, און ס'בלייבט נאָך אַ סמיטשעקל פאַר דער אַדמיניסטראַציע אויך. און נאָך וואָס פאַר אַ סמיטשעקל!".

הייסט עס, איר האָט שוין אַרויסגעפונען, אַז ס'איז גאָרנישט קיין אַזאַ וואַזשנע „ביזנעס", ווי איר האָט געמיינט, נאָר אַן ענין מיט אַ דעפעציט. אין דער וואָג־שאָל פון דעבעט און קרעדיט, איז די דעבעט־זייט שווערער ווי די קרעדיט־זייט. מוז דאָך ווערן געפונען אַן אויסוועג צו שאַפן דעם גלייכגע־וויכט פון דעבעט און קרעדיט, ווי אינם בודזשעט פונם ענגלישן פינאַנץ־מיניסטער.

מיר קענען קיין עקסטראַ־פּאַראַטקעס אויף אונדזערע לייענער מיט צוואַנג נישט אַרויפלייגן. מיר ווייסן, אַז מיר וואָלטן געקענט אונדזערע הוצאות פאַרקלענערן, ווען „לשון און לעבן" זאָל ווערן אַרויסגעגעבן אין 48 זייטן אָן שער־בלאַט און אָן אינהאַלטס־פאַרצייכעניש. דאָס ווילן מיר נישט און קענען נישט טון. דער זשורנאַל איז געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד טייל פון אונדזערן ישוב דאָ און אַ וואָגיקע רובריק אויף דער קרעדיט־זייט פונם ענגלישן יידנטום (הגם די אמתע ענגלישע יידן האָבן גאָר קיין שייכות נישט דערצו). דער זשורנאַל וועט דערשיינען אויך ווייטער, בדעת המקום ובדעת הקהל, אין דער זעלבער פאָרעם ווי ביז איצטער, 64 זייטן, און וועט קאָסטן 1 שילינג און 6 פּענים. יערלעכע אַבאָנענטן וועלן באַצאָלן פאַר אַ יאָר 19 שילינג און 6 פּענים (פאַר אַ האַלב יאָר 10 שילינג) דאָס וועט זיין דער מיני־

מום. דערמיט וועט אונדזער דעפיציט נאָר ווערן פאַרקלענערט, אָבער נאָך נישט אויסגעגליכן.

צום אויסגלייך זיינען נויטיק די פאָלגענדיקע פשוטע מאסנאמען:

1) שאַפן נייע אַבאָנענטן, וואָס משלם'ען דעם יאָר־אָפּצאָל פריער־אויס.

2) שאַפן אַבאָנענטן, וואָס באַשטייערן זיך פרייוויליק מיט אַ העכערן אַבאָנענטן־אָפּצאָל, ווי דאָס טוען שוין אַ קליינע צאָל פון אונדזערע פריינט.

3) שאַפן און באַזאָרגן אַנאָנסן פון טעאַטער, יידישע אָרגאַניזאַציעס, סוחרישע אונטערנעמונגען, יידישע קאַפעס, רעסטאָראַנען, האָטעלס און יחידים לויט אונדזער מעסיקן טאַריף פון פינף פונט פאַר אַ גאַנץ זייטל, צוויי פונט צען שילינג אַ האַלב זייט און אַזוי ווייטער.

4) שאַפן אַ פּרעסע־פאָנד פון £250 אַלס אויסגלייך פון דעם דעפיציט פאַר דעם געשעפטס־יאָר 1948.

איך האָף, אַז אונדזער גרויסער קרייז פון לייענער וועלן ארויסגעפונען, אַז איך האָב זיי נישט בחנם געדולעט אַ ספּאָדעק מיט מיין ענין פון דעבעט און קרעדיט.

„אם אין אני לי מי לי". וואָלט טביה דער מילכיקער געזאָגט: „וואָס איר וועט טון פאַר דעם זשורנאַל, וועט איר טון פאַר אייך אַליין".

שיקט מיר צו אייערע טשעקס אָדער פּאָסטאַלישע אַנווייזונגען. דאָס וועט דערלייכטערן אייערע דעבעטס און הייבן אייערן קרעדיט, און העלפן שאַפן פאַר דעם איינציקן יידיש־ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל אין ענגלאַנד דעם געזונטן באַלאַנס פון דעבעט און קרעדיט, ובזכות זה... לשנה הבאה אַ זשורנאַל אָן חובות.

פּאָסט סקריפּטום: — איך האָף צו קענען פאַרצייכענען גוטע רעזולטאַטן, איך וועל זיי נישט האַלטן בסוד, נאָר זיי מודיע זיין אינם קומענדיקן זשורנאַל.

## לאָנדאָנער דעלעגאַטן צום קולטור קאָנפערענץ אין פּאַריז

פריינט פון יידיש לשון: — י. ביעטש און א. נ. שטענצל.

זשורנאַליסטן און שרייבער פאַריין: — א. מ. קייזער.

אַרבעטער רינג: — א. וואַסערמאַן און י. נאַטאַני.

תרבות: הרב מ. שאַפּיראָ און ל. גערטנער. ייווא: — לעאָ קעניג.

בילדונג אָפּטיילונג פון נאַציאָנאַל פאָנד: — יהודה האזרחי.

לויט ווי מיר הערן פאַרט פון דזשואיש קלעריאָן: — שמעון אבראַמסקי.

פון די אַלע וויכטיקע צוגעשיקטע ביולעטינען און אַרטיקלען, וואָס קומען אָן לעצטנס צו „לשון און לעבן" פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" און פון אייראָפּעאישן קאָנפערענץ". קלייבן מיר אויס צום אָפּדריקן דעם אַרטיקל „אַרום דעם קולטור־קאָנגרעס", פון מאיר בראון, פאַר זיין „ממשות־דיקער" זאַכלעכקייט. וועלכע קאָנען דינען ווי אַ „טאָג־אָרדענונג" פון אַרבעט פון יידישע קולטור, אי פאַרן קאָנגרעס, אי פאַרן קאָנפערענץ, און דעם טאָג־אָרדענונג" פון דעם „אייראָפּעאישן קולטור קאָנפערענץ", וועלכע קומט פאָר דעם 9־טן, 10־טן און 11־טן יולי אין פּאַריז



## מאיר בראון (ניו־יאָרק)

# אַרום דעם קולטור־קאָנגרעס

מיר קאָנען שוין זען די קאָנטורן פון גייסטיקן בנין, וואָס דער אַלוועלט־לעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס פאַרזוכט אויפצושטעלן ביים צונויפקום פון דעלעגאַטן פון גאָר דער וועלט אין חודש סעפּטעמבער 1948.

עס אַרבעטן שוין אַ צאָל קאָמיסיעס צוצוגרייטן פּלענער און פאָרשלאָגן צום קאָנגרעס. עס ווערן לעבעדיק דיסקוטירט די צילן פון קאָנגרעס אין אַ גרויסע צאָל יידישע ישובים. עס ווערן אָפּגעהאַלטן קולטור־קאָנפערענצן און פאַרזאַמלונגען אין די יידישע ישובים פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אין אייראָפּעאישע לענדער, אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, איטאַליע און עסטרייך. עס קומט צום אויסדרוק אַן אינטערעסאַנטער מיינונגס־אויסטויש אין דער יידישער פּרעסע און עס קומען אָן צום קאָנגרעס־ביוראָ כסדר'דיקע מעלדונגען וועגן דערוויילטע דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס.

די יידיש אינטעליגענץ, די יידישע שרייבער־וועלט, די יידישע שולן, יידישע קינסטלער און קולטור־טוער פון מערערע לענדער גרייטן זיך צום קאָנגרעס און דערוואַרטן, אַז דער לעצטער וועט אַריינבלאָזן אַ פרישן רוח־חיים אין דער גייסטיק פאַראָרעמטער יידישער וועלט פון די נאָך־מלחמה־יאָרן.

דער יידישער קולטור־מענטש איז שטענדיק געווען קריטיש צו זיך און צו זיינע שאַפונגען. ניט איינמאָל שטעלט ער זיך אַ פראַגע, צי קאָן ער זיך קעגנשטעלן שטאַרק קעגן אַסימילאַציע־פאַקטאָרן און אַסימילאַציע טענדענצן אין דער יידישער וועלט. ער האָט זיינע שווערע געראַנגלענישן און ספקות. ער לעבט היינט אין אַ טראַגישער ווירקלעכקייט און קאָן זיך ניט שפּייזן מיט אילוזיעס און זעלבסט־נאַרעריי. איין ממשותדיקער קולטור־טאַט איז פאַר אים וויכטיקער ווי אַ ים פון רעזאָלוציעס און טעאָרעטישע סברות.

עס איז דערפאַר געווען נאַטירלעך פאַר די איניציאַטאָרן פון דער באַוועגונג פאַרן קולטור־קאָנגרעס, פאַר זיינע טוער און אָנפירער, ניט צו פאַרשווענדן צייט אויף סתם לאָזונגען און דעקלאַראַציעס. נאָר צו פּרואוון שאַפן אַ קאָנצענטראַציע פון גייסטיקע כחות און דערפירן זי צו קולטור־מעשים.

עס ליגן פאַר מיר פאָרשלאָגן פון 8 קאָמיסיעס, וואָס דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט באַשטימט. די פאָרשלאָגן וועלן פאָרגעלייגט ווערן פאַרן קולטור־קאָנגרעס.

צוויי פון די וויכטיקסטע קאָמיסיעס האָבן אַ שייכות צו שול־טעטיקייט און אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. עס מאַטערט דאָך אונז אַלעמען די פראַגע פון יידישע קינדער־דערציאונג. די יידישע אויסבילדונג פון אונדזער יוגנט.

זאָגט די שול־קאָמיסיע אין איר אַריינפיר:

„מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ פאַראייניקטן יידישן שול־וועזן, וואָס זאָל האָבן די אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן די אַרבעט פון און אַרום די עקזיסטירנדע שולן".

אין שלום רעקאָמענדירט די שול־קאָמיסיע א פאַרייניקטע לערער־אַנשטאַלט, א פעדאַגאָגישן זשורנאַל, גרינדונג פון טאָג־שולן, א קינדער־טעאַטער, קינדער־ליטעראַטור, זאָרגן פאַר שול־מכשירים און פאַר פעדאַגאָגישער הילף.

דאָס זיינען רעקאָמענדאַציעס בנוגע אַמעריקע. אָבער דער קאָנגרעס איז דאָך נישט בלויז פאַר אַמעריקע. ווערן געבראַכט צום קאָנגרעס א צאָל פאָרשלאָגן, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן פון באַקאַנטן יידישן דערציער, יודל מאַרק. די פאָרשלאָגן זיינען: 1) שאַפן א וועלט־צענטראַלע פאַר דער יידישער שול, וואָס זאָל פאַרטרעטן די יידישע שול אין דער וועלט און דינען ווי א קאָאָרדינירער־אָרגאַן פאַר יידישע שולן אין פאַרשיידענע לענדער; 2) די וועלט־צענטראַלע זאָל איינשטעלן אַן אינפאָרמיר־ביוראָ פאַר אַלע לענדער פאַר שול־פראָגראַמען, לערן־ביכער, הילפס־מאַטעריאַלן, פילמען, גראַמאָפאָן־פלאַטן און אַלערליי מכשירים פאַר אַלע יידישע לימודים; 3) העלפן איינאָרדענען שול־אויסשטעלונגען, באַזאָרגן לערערס און זאַמלען אַלע ידיעות וועגן טעטיקייטן פון יידישן שול-וועזן; 4) די וועלט־צענטראַלע זאָל אַרויסגעבן דריי מאָל אין יאָר א פעדאַגאָגישן זשורנאַל, וואָס האָט אין זינען די פראָבלעמען און אינטערעסן פון דער יידישער שול; 5) די וועלט־צענטראַלע זאָל זאָרגן וועגן צוגרייטן לערערס, שאַפן און העלפן אויפשטעלן לערער־סעמינאַרן און לערער־קורסן; 6) די וועלט־צענטראַלע זאָל העלפן, דורך איניציאַטיוו און ווי מעגלעך מאַטעריעל, יענע יידישע ישובים, וואָס האָבן נאָך דערווייל נים א יידישע שול, אָדער וואָס קאָנען נים מיט אייגענע כחות אַנטוויקלען זייער שול.

עס זיינען נאָך דאָ פאָרשלאָגן וועגן פאָרשונגען און ביכער איבער מעטאָדיק, וועגן שאַפן א פאַרייניקטע שול־אָרגאַניזאַציע אין די באַזונדערע לענדער און וועגן אינסטרוקטאָרן פאַר שולן אין קלענערע ישובים.

דאָס איז אַן אַמביציעזער פראָגראַם. ווען מען האָט אין זינען, אַז אויך אין אַנדערע לענדער גרייט מען זיך מיט פאָרשלאָגן און פאָדערונגען, ווערט קלאָר, אַז יידישע קינדער־דערציאונג וועט זיין איינע פון די צענטראַלע, אויב נים די צענטראַלסטע פראַגע אויפן קאָנגרעס. און דאָס קען זיין א מזל-ברכה פאַרן קאָנגרעס און אויף מאָרגן נאָכן קאָנגרעס, ווען מען וועט דאַרפן צוטרעטן צו אָרגאַנישער אַרבעט.

ווי אַזוי אַרבעט מען צווישן דער יידישער יוגנט, איבערהויפט אין די לענדער פון שטאַרקער פרעמדער קולטור, וואָס פאַרכאַפּט די דערוואַקסענע יוגנט און דערווייטערט זי אָפט פון יידישן גייסטיקן לעבן? ווי אַזוי זוכט מען צו דערנענטערן די יידישע יוגנט צו יידישע גייסטיקע אוצרות — צו א יידישקייט, וואָס איז נים בלויז אָנגעפילט מיט צער און פיין, נאָר אויך מיט דער פרייד פון שעפערישקייט, מיט אינהאַלט?

עס איז א האַרטער נוס, א שאַרפער פראָבלעם, מיט וועלכן עס באַשעפטיקן זיך היינט יידישע מענטשן, דערציער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

וואָס זאָגט די יוגנט־קאָמיסיע ביים קולטור־קאָנגרעס? אין אירע באַטראַכטונגען קומט זי צום אויספיר, אַז עס דאַרף עקזיסטירן ביים קאָנגרעס א באַ־



זונדערע קערפערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן יידישע קולטור־אַרבעט צווישן דער יוגנט, דערנענטערן איר צו דער יידישער שפראַך און יידישע קולטור־ווערטן. די קאָמיסיע האַלט, אַז דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף העלפן מיט אינפאָרמאַציע און קולטור־דינסט יידישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. זי רעקאָמענדירט א לעקטאָרן־ביוראָ, יידישע לעקציעס דאָס לערנען די יידישע שפראַך, פאָפולאַריזירן די שוין עקזיסטירנדע יידישע קורסן אין הויך־שולן. די יוגנט־קערפערשאַפט זאָל העלפן איינאָרדענען אָוונט־קורסן פאַר יידיש און יידישע ליטעראַטור פאַר יוגנט, אַרויסגעבן יידיש־ענגליש און יידיש־שפאַנישע ווערטער־ביכער און לערן־ביכער.

די יוגנט־קערפערשאַפט זאָל סטימולירן איבערזעצונגען פון יידישער ליטעראַטור אין אַנדערע שפראַכן און זיך באַטייליקן אין דער פאַרשפרייטונג פון די איבערזעצטע יידישע ווערק. די קערפערשאַפט זאָל פאָפולאַריזירן צווישן דער יוגנט דעם בעסערן יידישן טעאַטער, שאַפן דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן, דורכפירן יום טובים און צענטראַלע קולטור-פייערונגען, באַקענען דורך דער ראַדיאָ די יוגנט מיט דער יידישער קולטור; אָרגאַניזירן א ריי וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וועגן מצב פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע; זאָרגן פאַר סטיפענדיעס פאַר יונגע יידישע פאָרשער און פאַר יוגנטלעכע, וואָס גרייטן זיך פאַר יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט; אונטערשטיצן מאַטעריעל זשורנאַלן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרשפרייטן יידישע קולטור צווישן דער יוגנט א.א.וו.

דאָס איז דער תמצית פון די פאָרשלאָגן, וואָס וועלן דאַרפן באַטראַכט ווערן פון קולטור־קאָנגרעס. א גרויסער געווינס פאַרן לעצטן וועט זיין די באַטייליקונג פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שוין דערפאַרונג און קאָנען געפינען דעם געהעריקן צוטריט צום מח און הארץ פון דער יוגנט. עס וועט זיך פאָדערן אויפן קאָנגרעס א גרינטלעכע טעאָרעטישע באַטראַכטונג וועגן דעם אופן פון באַווירקן און דערנענטערן די יידישע יוגנט צום יידישן קולטור־וועזן. עס מוז אין צענטער פון די קאָנגרעס־באַטראַכטונגען שטיין די אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. וועט געפונען ווערן א ווירקזאַמער וועג אויף דעם פעלד, וועט דער קולטור־קאָנגרעס דערפילן א גרויסע מיסיע אין דער איצטיקער שעה אין יידישן לעבן.

וויכטיקע פאָרשלאָגן קומען פון די אַנדערע קאָמיסיעס: שאַפן דראַמאַטישע קרייזן, אַרויסגעבן א זאַמל-בוך פון איין־אַקטערס פאַר זייער געברויך; איינאָרדענען קאָנצערט־פראָגראַמען פאַר יום־טובים און פייערונגען; שאַפן א שטענדיקע מוזיק־ביוראָ צו העלפן אָרגאַניזירן געזאַנג־קרייזן און כאָרן; אַרויסשיקן איבער די ישובים קאָמפעטענטע יידישע מוזיקער צו העלפן אין דער אַרבעט; דערמוטיקן דאָס דרוקן פון פאַסנדע מוזיק-קאָמפאָזיציעס; איינאָרדענען יערלעכע מוזיק-פעסטיוואַלן און אַרויסגעבן א יאָר־בוך פאַר יידישער מוזיק; געבן אויסצייכנונגען, פרייזן און סטיפענדיעס צו יידישע מוזיקער, אָנפאַנגער־קינסטלער און צו פעאיקע שול-קינדער.

קאַמיסיעס צו זאָרגן וועגן יידישן ביכער־מאַרק און דער יידישער פרעסע האָבן שוין אויסגעאַרבעט וויכטיקע פאָרשלאָגן, וואָס באַצוועקן צו פאַרגרעסערן די צאָל בוך און צייטונג־לייענער און צו קאָאָרדינירן יידישע געזעלשאַפטלעכע פאָרשלאָגן. עס ווערט פּראָיעקטירט אַ צוויי־מאָנאַטלעכער ביולעטין וועגן יידישן בוך; אַן ענגער קאָנטאַקט מיט דער „דזשאָינט וועלפער באָרד" און מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען לעצטנס פאַראינטערעסירט אין דער יידישער קולטור און יידישן בוך.

עס פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט די פאָרשלאָגן פון דער קאָמיסיע צו פאַראייביקן דעם זכרון פון די אומגעקומענע יידן אין אייראָפּע. דער צענטראַ־לער פאָרשלאָג איז צו פּראָקלאַמירן דעם 19־טן אַפּריל, דעם יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווי אַ נאַציאָנאַלן טרויער־און אָנדענק־טאָג. יענעם טאָג זאָלן אומעטום פאָרקומען גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען צום אָנ־דענק פון די געטאָ־קעמפער. אויף די פאַרזאַמלונגען זאָל געשילדערט ווערן דער יידישער חורבן. אין די יידישע שולן זאָל מען דערקלערן די קינדער דעם באַטייט פון טאָג; די יידישע פרעסע זאָל יענעם טאָג אַרויסגעבן ספּעציעלע ביילאַגעס; די יידישע טעאַטערן זאָלן צוגרייטן ספּעציעלע פּראָגראַמען, אַרויס־ברענגענדיק קדוש־השם־מאָמענטן אין די געטאָס; עס זאָל צוגעגרייט ווערן אַ נוסח פון אַן הזכרה, וואָס זאָל געלייענט ווערן אויף די פאַרזאַמלונגען און אין די היימען פון יידן; עס זאָלן אָנגעצונדן ווערן יאָרצייט־ליכט לזכרון פון אונזערע זעקס מיליאָן אומגעקומענע; עס זאָל אויף אַ קורצער צייט אָפּגע־שטעלט ווערן די אַרבעט אין די פאַבריקן און מען זאָל רעדן צו די אַרבעטער אין די שעפער וועגן די געטאָ־העלדן. עס זיינען דאָ נאָך וויכטיקע פאָרשלאָגן: ווי שאַפן אַ יזכור־ביבליאָטעק, צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע היסטאָרישע קאָמיסיעס; אַרויסגעבן אַ ביבליאָגראַפישן זשורנאַל איבער דער ליטעראַטור וועגן דעם יידישן חורבן און העראָאיזם אין די נאַצי־צייטן א.א.

פון די אויבנדערמאָנטע קורצע באַריכטן קאָן מען זען, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס פּלאַנירט. זאָל ער האָבן צו זיין רשות די נויטיקע מיטלען און די מיט־הילף פון ברייטן יידישן עולם, קאָן דער קאָנגרעס שאַפן אַ וויכטיק און גרויס ווערק, אַן אינסטרומענט פאַר דער אויפלעבונג און פאַרשטאַרקונג פון דער יידישער קולטור.

ניט אומזיסט דריקן אויס אַזוי פיל קלענערע יידישע ישובים זייערע האָפנונגען, אַז זיי וועלן מער ניט בלייבן פאַריתומט און פאַרוואָגלט און אַז אַ וואַרעמע ברודער־האַנט וועט זיי אויסשטרעקן קולטור־הילף און זיי דער־נענטערן צום קוואַל פון יידישן שאַפן און יידיש לעבן. אָט די אַלע דערוואַר־טונגען רופן אַרויס אַ ציטער ביי יעדן טוער. עס וועט זיך פאָדערן מוט דורכ־צופירן אַ ברייטן אַנאַליז פון אונזער קולטור־מצב, אַ ניכטערן בליק צו באַ־טראַכטן די שאַטנס אין אונזער לעבן און נאָך מער מוט און גלויבן — אָנצו־הייבן פון דאָס ניי צו בויען און צו פאַרפעסטיקן יידישע קולטור־פּאָזיציעס נאָך אונזער גרויסן חורבן.



# אייראָפּעאישע קולטור־קאָנפערענץ
## 9־טן, 10־טן און 11־טן יולי 1948 אין פּאַריז

## ט א ג ־ ־ א ר ד ע נ ו נ ג.

1) חורבן און ווידערגעבורט אין דער געשיכטע פון אייראָפּעאישן יידנטום.
2) יידישע קולטור אין איצטיקן געראַנגל פון אונזער פאָלק.
3) די גרונט פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור.
(יידישע און העברעאישע; ישראל און נאָר די יידישע וועלט).
4) יידיש־טעאַטער — אוואַנגאַרד פון יידישן קולטור־פראָנט.
5) יידישע דערציאונג און שול־וועזן אין אייראָפּע.
6) באַריכטן פון די קאָמיסיעס, רעזאָלוציעס, וואַלן.

## קאָמיסיעס:

1. פ א ר ל י ט ע ר א ט ו ר א ו ן ב ו ך:
א. יידיש־פאַרלאַג־וועזן און בוך פאַרשפּרייט.
ב. איבערזעצונגען.
ג. אייראָפּעאישער־זשורנאַל.

2. פ א ר ט ע א ט ע ר:
א. רעפּערטואַר־צענטראַלע.
ב. אייראָפּעאישע דראַמאַטישע־שול.
ג. סיסטעמאַטישער אויסטויש פון שוישפּילער און רעזשיסערן.
ד. טעאַטער אויסגאַבע (פּעריאָדישע).

3. פ א ר ב י ל ד ו נ ג:
א. לערן־ביכער און קינדער־ליטעראַטור.
ב. אויסטויש פון לעקטאָרן און פּרעלעגענטן.
ג. פּעדאַגאָגישער־זשורנאַל (פּעריאָדישער)

4. פ א ר ק ו נ ס ט:
א. באַוועגלעכע קונסט־אויסשטעלונג.

5. פ א ר מ ו ז י ק:
א. מוזיק־פאַרלאַג.
ב. כאָרן־אויסטויש.

6. פ א ר ד אָ ק ו מ ע נ ט א צ י ע א ו ן א ר כ י ו ו:
א. קאָאָרדינאַציע־צענטער. ביבליאָגראַפישער צענטער — מוזיי.

7. צ ע נ ט ר א ל ע פ י ל ם ג ע ז ע ל ש א פ ט:

## פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ

**פ ר י י ט אָ ג ד ע ם 3־ט ן י ו ל י 9 אָ ו ו נ ט**

אין טעאַטער בנין פון „ייקוט" (209, רי פאַבורג סענט־דעני)

דערעפענונג — באַגריסונגען

רעפעראַט א.ד.ט. **„חורבן פון ווידערגעבורט אין דער געשיכטע פון אייראָפּעאישן יידנטום"**

**שבת,** דעם 10־טן **יולי**

(אין זאַל ושאן גורזשאן)

פרימאָרגן־זיצונג פון 9 ביז 21 אזייגער:

רעפעראַטן א.ד.ט.

1. יידישע קולטור אין איצטיקן גוראַנגל פון אונזער פאָלק.
2. די גרונט פראָבלעמען פון דער יידישער־ליטעראַטור.

נאָכמיטאָג זיצונג פון: 2 ביז 4 נאָכמיטאָג.

רעפעראַטן א.ד.ט.

1. יידיש טעאַטער — אוואַנגאַרד פון יידישן קולטור־פראָנט.
2. יידישע דערציאונג און שול־וועזן אין אייראָפּע.

אָוונט זיצונג פון 8 ביז 11 אזייגער.

דיסקוסיעס און אַרבעטס־דיסקוסיעס.

**ז ו נ ט אָ ג ד ע ם 11־ט ן י ו ל י:** פון 9 ביז 21 אזייגער.

באַריכטן פון די לענדער. דיסקוסיעס.

**ז ו נ ט אָ ג נ אָ כ מ י ט אָ ג:** פון 2 ביז 6 אזייגער:

באַריכטן פון די קאָמיסיעס — דיסקוסיעס — רעזאָלוציע — שלום.

**ז ו נ ט אָ ג אָ ו ו נ ט:**

גרויסע קולטור־פייערונג אין טעאַטער בנין פון „ייקוט".

## מיטטיילונגען איבער די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 א זייגער

שבת, דעם 3־טן יולי וועט דער באַקאַנטער מאָלער יוסף הערמאַן האַלטן א פאָרטראָג: מיינע איינדרוקן איבער פאַריז און איבער יידישן קולטור לעבן דאָרט. נאָכן ליטעראַרישן טייל, אדורכגעפירט פון נעט רובין וועלן זיך די דעלעגאַטן פון „פריינט פון יידיש לשון" וואָס פאָרן אַפּ צו דער פאַריזער קאָנפערענץ פון די אייראָפּעאישע ישובים, י. ביעטש און שטענצל, געזעגענען זיך מיטן עולם.

שבת, דעם 10־טן וועט אליהו פּאָלושאַק: ענגלאַנד און די אימפּעריע.

שבת, דעם 17־טן א באַריכט איבער די קאָנפערענץ אין פאַריז. מען וועט לייענען פון פאַריזער פּאָעטן און שרייבער.

שבת, דעם 24־טן די טראַדיציאָנעלע הערצל־ און ביאַליק פייערונג. עס וועלן זיך באַטייליקן יוסף פרענקל און שלמה אויערבאַך.

שבת, דעם 31־טן — א פאָרטראָג איבערן שאַפן פון יידישע שרייבער אין דייטשעקעמפּס. דאָראַ דימאַנט וועט רעציטירן פון זייערע ווערק.



מיר ווינטשן א האַרציקן **מזל טוב** צו אונדזער מיטאַרבעטער **נחום שטענצעל** און **פרוי** צום געבורט פון זייער טעכטערל

„לשון און לעבן"
און „פריינט פון יידיש לשון"

---

א האַרציקן **מזל טוב**
דעם פריינט **נחום שטענצעל** און **פרוי**
צום געבוירן ווערן פון זייער טעכטערל

**מרים'ל**

**ש. י. האַרענדאָרף**

---

**א האַרציקן מזל טוב**

צו מיין ליבן פלימעניק און פלימעניצע
נחום און **מאַרטע שטענצעל**
צום געבוירן פון זייער ערשטן טעכטערל

**מרים איטע**

זיי זאָלן זי אויפהאָדעווען אין כבוד און אין נחת
זייער ווינטשנדיקער פעטער

**אברהם נחום שטענצל**

---

מיר ווינטשן א האַרציקן **מזל טוב**
צו אונזער מיטאַרבעטערין, די שרייבערין **קיטי בראַון**
צו דער חתונה פון איר יינגסטן זון

**מנשה** און **מנוחה**

קומט פאַר דעם 11־טן יולי

„לשון און לעבן"

---

צו דער חתונה פון אונזער פריינט **משה גליקסמאַן** ווינטשן מיר אים א האַרציקן **מזל טוב**

„פריינט פון יידיש לשון"

---

## דער פאַלמע נאָכמיטאָג

פאַר דעם 11טן יולי 2.30 ווערט צו געגרייט א ליטעראַרישער קינסט־לערישער „נאָכמיטאָג" מיט מוזיק, געזאַנג און רעציטאַציע, אין „רודאָלף־סטיינער האָל" פּאַרק רויד, קעגנאיבער בייקער סטריט סטיישאָן, וועסט־ענד.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

פראפאגאנדע-קאמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אלדגיט, א.1.
יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע

## רעפעראטן לעקציעס

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטערארישע און אלגעמיינע ענינים

ווענן אלע אינפארמאציעס זיך צו ווענדן
צום גענעראל-סעקרעטאר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף-חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן-אורי"
זונטיק 25 יולי 1948 8 אוונט
אין לאקאל פון
## „בן-אורי" קונסט גאלעריע
14 פארטמען סטריט וו.1.
## בערגעלסאן און אפאטאשו
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטאציעס און רעדעס:
די שוישפילערין דארא דימאנט, אייזיק
גאלדבערג, נעט רובין, משה עובד י. א.
ליסקי און י. ביעטש
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

ניינטער יארגאנג נו.8 **העפט 103** אויגוסט 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

1. נאכאמאל קולטור קאנפערענץ און קולטור קאנגרעס
2. דער שלום פון א סעזאן אדער שלום פונם טעאטער
3. די שוישפילערין דינה האלפערין ........................ ** 1
נער (צו דער פטירה פון נערער רבין) ........ ד"ר יעקב י. מייטלים 8
משיח'ס נסיעות און נסיונות (פאעמע) ........... משה עובד 13
„דאס גלעזערנע אויג" (פון סעריע אלדד און מידד) .... לעא קעניג 16
ס'איז ליב דאס פשוטע הויז מיר פון ציגל, די ערט איז ניט הייליק
איך האב ליב ירושלים, אזוי ווי דער ים (לידער) .. י. ה. לעווי 20
נערוועז... (הומארעסקע) ........................ קיטי בראון 22
די טערצינע (ליד) ........................ אוריאל בירנבוים 26
חיים סוטין (עסיי) ........................ יוסף הערמאן 27
וויאזוי כ'האב באקענט דעם מאלער מאנע קאץ (עסיי) .. ה. בירמאן 30
אפשר דארף לאנדאן ברענען?... ........................ י. א. ליסקי 36
בערלין — מאסקווע — ירושלים ........... אליהו פאלושאק 39
פון בוך ירושלים (נאך נישט געדרוקטע לידער) .... א. נ. שטענצל 43
דאס אנטרינען פון יאסנאיא פאליאנע! .... אדאלף רודניצקי 46
אייראפעאישע יידישע קולטור קאנפערענץ (באריכט) .... י. ביעטש 49
פראבלעמען פון אן איינהייטלעכער נאציאנאלער
יידישער דערציאונג (רעפעראט) ........... ל. לאזאווסקי 53
דער שניידער נעזעלן נאטע מאנגער זינגט (רעצענ.) .. מ. ראוויטש 56
צו דעם גאסט-שפיל פון דינה האלפערין
(צו דער אלעקסאנדער-טעאטער-דיסקוסיע) ...... ס. פאלמע 59
קבלת פנים פאר זאנוול דיאמאנט (באריכט) .. אייזיק גאלדבערג 61
א ווירדיקע פייערונג לכבוד א יידיש בוך אין לאנדאן ........ ב.ה. 62
די געסט פון יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט ............ 63
מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס ...... 64.

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענט-פרייז:—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד-פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן א.1.